STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07752

DER GERTNER

Rabindranath Tagore

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער גערטנער

פון
ראַבינדראַנאַטה טאַגאָר

איבערזעצט פון
אסקאר דובין

פילאדעלפיא, פא.
1915

אזער בראָס.
פרינטערס אונד פּאָבלישערס
פילאדעלפיא, פּא.

צו

װ. ב. יעטהס

פארווארט

צו דער ענגלישער איבערזעצונג

דיא מעהרסטע פון דיא ליעדער פון ליעבע און לעבען, דיא איבערזעצונגען פון דעם בענגאלישען וואס זענען ארויסגעגעבען אין דיזען בוך, זענען גע־שריבען געווארען א סך פריהער פאר דער סעריע פון דיא רעליגיעזע פאעמען וואס געפינען זיך אין דעם בוך „גיטאנזשאלי". דיא איבערזעצונגען זענען ניט שטענדיג ווערטערליך — דיא ערשטע זענען מאנ־כעס מאל פארקירצט און מאנכעס מאל פערטייטשט מיט פיעל ווערטער.

ראבינדראנאטה טאגאר.

פארוואָרט

צו דער אידישער איבערזעצונג

ראבינדראנאט טאגאָר איז דער גרויסער אינדישער פאָעט וועלכער האָט אין דעם יאָהר 1913 געוואונען דעם נאָבעל פרייז פאר ליטעראטור. אין ענגליש זענען זיינע ביכער איבערזעצט פון איהם אליין, און דיא אידישע איבערזעצונג וועלכע איז געמאכט פון דער ענגלישער קאָן דעריבער בעטראכט ווערען כמעט וויא פון דער ערשטער האנד.

„דער גערטנער" איז דאס ערשטע בוך וואָס ער־שיינט אין אידיש פון דעם גרעסטען אָריענטאלישען פאָעט פון דער יעצטיגער צייט, און עס איז דיא האָפ־נונג פון דעם איבערזעצער, אז דער בוך וועט מיט פרייד בעגעגענט ווערען פון יעדען אינטעליגענטען אידישען לעזער וואָס בעזיצט אן ענטוויקעלטען חוש פאר אמת'ער שעהן ליטעראטור און קאָן דורכפיהלען יענעם הויכען עסטעטישען גענוס וואָס עס וועט איהם געבען דאס ווערק פון דעם ערשט געוואָרענעם בע־ריהמטען דיכטער, וואָס איז פיליכט דאס איינציגע אין פראכט און אין פאָרם און דער וואונדערבארער ליריק פון ליעבע און לעבען.

אסקאר דובין.

דער גערטנער

ד י ע נ ע ר

האָב רחמנות אויף דיין דיענער, מיין קעניגין!

ק ע נ י ג י ן

דיא פערזאמלונג איז אריבער און מיינע דיענער זענען שוין אלע אוועק. ווארום קומסטו אין דיזער שפעטער שטונדע?

ד י ע נ ע ר

ווען דו ביזט פארטיג געוואָרען מיט דיא דיענער, איז עס מיין צייט.

איך קום דיך פרעגען וואָס בלייבט פאר דיין לעצ־טען דיענער צו טהון.

ק ע נ י ג י ן

וואָס קאָנסטו ערווארטען ווען עס איז שוין צו שפעט?

ד י ע נ ע ר

מאך מיר פיר דעם גערטנער פון דיין בלומען גאָר־
טען.

ק ע נ י ג י ן

וואָס פיר א נארישקייט איז דאָס?

ד י ע נ ע ר

איך וויל אויפגעבען מיין אנדער ארבייט.

כ׳וועל פערוואַרפען אינ׳ם שטויב מיינע שווערדען און שפּיזען. ניט שיק מיר אין קיין ווייטע ערטער; ניט בעפעהל מיר אונטערנעהמען נייע זיעגען. נאָר מאך מיר פיר דעם גערטנער פון דיין בלומען גאָרטען.

ק ע נ י ג י ן

וואָס וועלען דיינע פפליכטען זיין?

ד י ע נ ע ר

דיא דיענסט פון דיינע לעדיגע טעג.

איך וועל פרישׁ האלטען דעם גראָזיגען וועג וואו דוא שפּאצירסט אינ׳ם פריהמאָרגען, וואו דיינע פיס וועלען בעגריסט זיין מיט לויב ביי זייער יעדען טריט פון דיא בלומען וואָס זענען אייפעריג צום טוידט.

איך וועל דיר וויעגען אין א וויעג צווישען דיא צווייגען פון דער סאפטאפארנע, וואו דיא לבנה פון דעם פריהען אבענד וועט זיך אנשטרענגען צו קושען דיין קלייד דורך דיא בלעטער.

איך וועל אנפילען מיט שמעקענדיגען אייל דאס לעמפעל וואס ברענט ביי דיין צוקאפענס, און כ׳וועל בעציערען דיין פוס־בייבקעל מיט סאנדאלען און זאפ־רען בעהעפט אין וואונדערשעהנע שניצונגען.

ק ע נ י ג י ן

וואס ווילסטו האבען פאר דיין לוין?

ד י ע נ ע ר

ערלויבט זיין צו האלטען דיינע קליינע הענטעלעך
וויא צארטע פלאנצען־שפראצינגלעך
און אנטאן בלומען קייטעלעך
אויף דיינע הענט־גילענקעלעך;
צו בעפארבען דיינע פיסעלעך
מיט׳ן זאנפט פון בלומען בלעטעלעך
און אוועק קושען דיא שטויב פלעקעלעך
פון זייערע בעהאלטענע ערטערלעך.

ק ע נ י ג י ן

איך ערפיל, מיין דיענער, דיינע געבעטען, דוא וועסט זיין דער גערטנער פון מיין בלומען גארטען.

2

„אך, דיכטער, דער אבענד דערנעהנט זיך; דיינע האר ווערען גרוי.

„הערסטו אין דיין איינזאמען טראכטען דיא מיט־טהיילונג פון דער צוקונפט?“

„עס איז אבענד,“ האט דער דיכטער געזאגט, „און איך הער זיך צו וויל עמיצער קאן נאך רופען פון דארף, שפעט וויא עס זאל שוין זיין.

„איך גיב אכטונג ווען יונגע בלאנזשענדע הערצער בעגעגענען זיך צוזאמען, און צוויי פאר גליהענדע אויגען בעטען פיר מוזיק צו צוברעכען זייער שטיל־קייט און רעדען פיר זיי.

„ווער איז דען דארט צו פעראייניגען זייער לייד־ענשאפטס געזאנגען, אויב איך זיין אויף דעם ברעג פון לעבען און טראכט פון דעם טוידט און יענע זייט?

„דער פריהער אבענד שטערן פערשוואונדעט.

„דיא רויטקייט פון א שייטער הויפען שטארבט לאנגזאם אב ביי דעם שטילען טייך.

„דיא זשאקאלען שרייען אין כאָר אוים דעם חויף פון דער פערלאָזטער הויז אין דעם ליכט פון דער אויסגעגוצטער לבנה.

„אויב עמיץ א וואנדערער, פערלאָזענדיג זיין היים, קומט אהער צו בעאָבאכטען דיא נאכט און מיט א געבויגענעם קאָפּ זיך צוהערען צו דעם מורמלען פון דער פינסטערנים, ווער איז דען דאָרט צו ארייגשעפּ־צען דיא לעבענס סודות אין זיינע אויערן אויב איך, פערמאכענדיג מיינע טיהרען, זאָל פרובען זיך בע־פרייען פון שטערבליכע דיענסטע?

„עס איז א קלייניגקייט וואָס מיינע האָר ווערען גרוי.

„איך בין אימער אזוי יונג אָדער אזוי אלט וויא דער יונגסטער און דער אלטסטער פון דיעזען דאָרף.

„מאנכע האָבען שמייכלען, זיסע און איינפאכע, און מאנכע א לוסטיגען וואונק אין זייערע אויגען.

„מאנכע האָבען טרערען וואָס רינען אין דעם טאָג־ליכט, און אנדערע טרערען וואָס זענען בעהאלטען אין דער דונקעלהייט.

„זיי אלע דארפען מיך, און איך האָב קיין צייט
ניט צו נאכקאָמען נאָך יענער וועלט.

„איך בין אין דיא יאָהרען מיט יעדען, וואָס מאכט
דאס אוים אויב מיינע האָר ווערען גרוי?“

3

אין דער פריה האָב איך געוואָרפען מיין נעץ אין דעם ים.

איך האָב ארויסגעשלעפּט פון פינסטערן אבּגרונד זאכען פון זונדערבּארען אויסזעהן און זונדערבּארע שעהנקייט — מאנכע האָבּען געשיינט ווי א שמייכעל, מאנכע האָבּען געגלאנצט ווי א טרערען, און מאנכע זענען רויט געווען ווי די בּאקען פון א כלה.

ווען איך בּין געגאנגען אהיים מיט דעם טאָג׳ם לאסט, איז מיין ליעבּע געזעסען אין גאָרטען אומזיסט רייסענדיג די בּלעטלעך פון א בּלום.

איך האָב זיך אָבּגעשטעלט אויף א מאָמענט, און דאן אוועקגעלייגט בּיי איהרע פים אלעם וואָס איך האָבּ ארויסגעשלעפּט, און בּין געשטאנען שטיל.

זי האָט א בּליק געטהון אויף זיי און האָט געזאָגט,

„וואָס פיר אונבּעקאנטע זאכען זענען דאָס? איך ווייס ניט צו וועלכען נוץ זיי זענען!“

איך האָב אָנגעבויגען מיין קאָפּ פאַרשעהמט און געטראַכט, „איך האָב ניט געשטרייט פיר זיי, איך האָב זיי אין מארק ניט געקויפט; זיי זענען ניט קיין פאַסענדע מתנות פאַר איהר."

דערנאָך האָב איך דיא גאַנצע נאַכט זיי צוואַרפען איינציגווייס אין גאַס.

אין דער פריה זענען געקומען רייזענדע; האָבען זיי אויפגעקליעבען און אוועקגעטראָגען אין ווייטע לענדער.

4

אָך איז מיר, וואָרום האָבּען זיי אויסגעבּויעט מיין הויז בּיי דעם וועג צו דער מארק שטאָדט?

זיי אנקערן זייערע געלאָדענע שיפלעך נעבּען מיינע בּוימער.

זיי קומען און געהן און וואנדערן נאָך זייער ווילען.

איך זיץ און היט זיי; מיין צייט פערגעהט אזוי.

זיי פערטרייבּען קאָן איך ניט. און אזוי געהן מיינע טעג פערבּיי.

נאכט און טאָג הערען זיך זייערע טריט בּיי מיין טהיר.

אומזיסט שריי איך, „איך קאָן אייך ניט.“

מאנכע פון זיי זענען בּעוואוסט צו מיינע פינגער, מאנכע צו מיינע נאָזלעכער, דאָס בּלוט אין מיינע אָדערן זעהט אויס צו קאָנען זיי, און מאנכע זענען בּעוואוסט צו מיינע חלומות.

זיי פֿערטרייבען קאָן איך ניט. איך רוף זיי און זאָג, „קומט צו מיין הויז ווער נאָר עס פֿערלאַנגט עס. יאָ, קומט.“

אין דער פֿריה קלינגט דאס גלעקעל אין טעמפּעל.

זיי קומען מיט זייערע קאָשעקעס אין זייערע הענט.

זייערע פיס זענען ראָזעווע רויט. דיא ערשטע ליכט פון דעם פאַרטאָג איז אויף זייערע פנים'ער.

זיי פערטרייבען קאָן איך ניט. איך רוף זיי און איך זאָג, „קומט צו מיין גאָרטען קלייבען בלומען. קומט אהער.“

ביי טאָג הערט זיך דער צימבעל ביי דער פּאַלאַץ־טויער.

איך ווייס ניט ווארום זיי פערלאָזען זייער ארבייט און ווארטען לאנג נעבען מיין קוסטארניק.

דיא בלומען אין זייערע האָר זענען בלאס און פאַר־וועלקט; דיא נאָטען זענען שוואך אין זייערע פלוי־טען.

זיי פערטרייבען קאָן איך ניט. איך רוף זיי און זאָג, „דער שאטען איז קיהל אונטער מיינע בוימער. קומט, פריינדע.“

בײַ נאכט זשומען דיא אינזעקטען אין וואלד.

ווער איז עס וואָס קומט לאנגזאם צו מיין טהיר און קלאפט אָן פיין?

איך זעה אונבעשטימט דעם פנים, א וואָרט ווערט ניט גערעדט, דיא שטילקייט פון הימעל נעהמט אלעס ארום.

פערטרייבען מיין שטילען גאסט קאָן איך ניט. איך קוק אויף דעם פנים דורך דער פינסטערניס, און שטונדען פון חלומות געהן פערביי.

5

איך בין אומרוהיג. איך בין דורשטיג נאָך ווייטע זאכען.

מיין נשמה געהט אויס אין א בענקשאפט צו בע־ריהרען דעם ברעג פון דער דונקעלער ווייטקייט.

א גרויסע פערבאָרגענהייט, א ביטערער רוף פון דיין פלייט!

איך פארגעס, שטענדיג פארגעס איך, אז איך האָב קיין פליגלען צו פליהען, אז איך בין געבונדען אין דעם אָרט אויף עווינ.

איך בין אייפעריג און וואכענד, איך בין א פרעמ־דער אין א פרעמד לאנד.

דיין אטהעם קומט מיר איינרוימען אן אונמעגליכע האָפענונג.

דיין צונג איז בעוואוסט צו מיין הארצען וויא אן אייגען גליעד.

אָ ווייט־צו־זוכען, א ביטערער רוף פון דיין פלייט!

איך פארגעס, שטענדיג פארגעס איך, אז איך ווייס ניט דעם וועג, אז איך האָב ניט דעם געפליגעלטען פערד.

איך בין אונרוהיג, איך בין א וואנדערער אין מיין הארצען.

אין דעם זוניגען נעבעל פון דיא מאטע שטונדען, וואָסערע גרויסע זעהונגען פון דיין געשטאלטונג פאָרמירען זיך אין דער בלויהקייט פון דעם הימעל.

אָ ווייטסטער סוף, אָ ביטערער רוף פון דיין פלייט.

איך פֿארגעס, שטענדיג פארגעס איך, אז דיא טויערן זענען פערשלאָסען איבעראל אין דער הויז וואו איך וואָהן אליין!

6

דער געפאנגענער פויגעל איז געווען אין א שטייג,
דער פרייער פויגעל איז געווען אין וואלד.

זיי האָבען זיך באגעגענט ווען דיא צייט איז גע־קומען, עס איז געווען א בעפעהל פון שיקזאל.

דער פרייער פויגעל שרייט, „אָ מיין ליעבע, לאָמיר פליהען אין וואלד."

דער שטייג־פויגעל שושקעט, „קום אהער, לאָמיר ביידע לעבען אין שטייגעל."

זאָגט דער פרייער פויגעל, „צווישען שטאנגען, וואו איז דאָרט פאראן אָרט צו אויסשפרייטען איינעמ'ס פליגלען?"

„אך", שרייט אוים דער שטייג־פויגעל, „איך וואָלט ניט געוואוסט וויא זיך צו בעזעצען אין הימעל."

דער פרייער פויגעל שרייט, „מיין ליעבלינג, זינג דיא ליעדער פון דיא וואלד־לענדער."

דער שטייג פויגעל זאָגט, „זעץ זיך ביי מיין זייט,

איך וועל דיר לערנען דיא רעד פון דעם ערפאהרע־נעם.“

דער וואלד פויגעל שרייט, „נייען, אך נייען! ליע־דער קאָן מען קיין מאָל ניט לערנען.“

דער שטייג פויגעל זאָגט, „וועה איז מיר, איך קאָן ניט דיא ליעדער פון דיא וואלד־לענדער.“

זייער ליעבע איז פול מיט בענקשאפט, נור זיי קאָנען קיין מאָל ניט פליהען פליגעל צו פליגעל.

דורך דיא שטאנגען פון דעם שטייג קוקען זיי ארויס, אומזיסט איז זייער וואונש צו קאָנען איינער דעם אנדערן.

זיי בעוועגען זייערע פליגלען אין קומער, און זינ־גען, „קום נעהנטער, מיין ליעבע!“

דער פרייער פויגעל שרייט, עס קאָן ניט זיין, איך שרעק זיך פאר דיא פערמאכטע טהירען פון דער שטייג.“

דער שטייג פויגעל שושקעט, „וועה, מיינע פליג־לען זענען מאכטלאָז און טויט.“

7

אך מוטער, דער יונגער פרינץ דארף פערבייפאָהרען אונזער טהיר, — וויא קען איך בעזאָרגען מיין ארבייט היינטיגען פריהמאָרגען?

צייג מיר וויא אזוי צו פערפלעכטען מיינע האָר; זאָג מיר וואָס פיר א קלייד איך זאָל אָנטהון.

וואָס קוקסטו אויף מיר ערשטוינט, מוטער?

איך וויים וואָהל ער וועט איין מאָל ניט א בליק טהון צו מיין פענסטער; איך וויים ער וועט פערבייגעהן מיין אנזיכט אין אן אויגענבליק; נאָר דער פערשוואונדענער טאָן פון דער פלייט וועט קומען זיפצענדיג צו מיר פון וויייטען.

אָבער דער יונגער פרינץ וועט פערבייפאָהרען ביי אונזער טהיר, און איך וויל אויף זיך אָנטהון מיין בעסטעס פאר דעם מאָמענט.

אך מוטער, דער יונגער פרינץ איז שוין פערביי דורך אונזער טהיר, און דיא מאָרגען זון האָט געשטראהלט פון זיין קארעטע.

איך האָב אוועקגעקעהרט דעם שלייער פון מיין פּנים, איך האָב צוריסען דיא רובּינען קייט פון מיין האלז און האָב עס געוואָרפען אין זיין וועג.

וואָס קוקסטו אויף מיר ערשטוינט, מוטער?

איך ווייס וואָהל ער האָט ניט אויפגעקליבען מיין קייט; איך ווייס עס איז צוריבּען געוואָרען אונטער זיינע רעדער איבּערלאָזענדיג א רויטען פלעק אויף דעם שטויבּ, און קיינער ווייסט ניט וואָס מיין מתנה איז געווען און צו וועמען.

אָבּער דער יונגער פּרינץ איז דאָך פּערבּיי געווען בּיי אונזער טהיר, און איך האָב געשליידערט דיא צירונג פון מיין בּרוסט פאר זיין וועג.

8

ווען דאס לעמפעל איז אויסגעגאנגען ביי מיין בעט האָב איך ערוואכט מיט דיא ערשטע פויגעלעך.

איך האָב זיך געזעצט ביי מיין אָפענעם פענסטער מיט א פרישען קראנץ אויף מיינע צולאָזענע האָר.

דער יונגער רייזענדער איז אָנגעקומען מיט דעם וועג אין דעם ראָזעווען נעבעל פון פריה מאָרגען.

א פערעל קייטעל איז געוועזן אויף זיין האלז, און דער זונ׳ס שטראהלען זענען געפאלען אויף זיין קרוין. ער האָט זיך אָבגעשטעלט פאר מיין טהיר און האָט מיר געפרעגט מיט אן אייפעריגען אויסגעשריי, „וואו איז זיא?"

פיר גרויס שאנדע האָב איך ניט געקענט זאָגען, „זיא איז איך, יונגער רייזענדער, זיא איז איך."

עס איז געוועזן דעמערינגס צייט און דאס לעמפעל האָט נאָך ניט געברענט.

איך האָב זאָרגלאָז געפלאָכטען מיינע האָר.

דער יונגער רייזענדער איז אָנגעקומען אויף זיין קארעטע אין דער רויטקייט פון דער פארגעהענדער זון.

זיינע פערד זענען געווען שוימיג ביים מויל, און שטויב איז געווען אויף זיין מאנטעל.

ער האָט אראָבגעשטייגט ביי מיין טהיר און האָט געפרעגט אין א מיעדען קול, „וואו איז זיא?“

פיר גרוים שאנד האָב איך ניט געקאָנט זאָגען, „זיא איז איך, מיעדער רייזענדער, זיא איז איך.“

עס איז אן אפריל נאכט. דער לאָמפ ברענט אין מיין צימער.

דער ווינטעלע פון דרום-זייט בלאָזט פיין. דער ליארעמדער פאָפוגאי שלאָפט אין זיין שטייגעל.

און וויא דער פאווע'ם האלז איז דער שעהנער קאָליר פון מיין טאליע קלייד.

ביים אָפענעם פענסטער זיץ איך שטיל און קוק ארוים צו דער פערלאָזענער גאם.

דורך דער פינסטערער נאכט האלט איך אין איין מורמלען, „זיא איז איך, פערצווייפעלטער רייזענ-דער, זיא איז איך.“

9

ווען איך געה אליין ביינאכט מיין ליעבען צו טרע־פען, זינגען ניט דיא פויגעלעך, דער ווינט ליארמט ניט, דיא הייזער פון ביידע זייטען גאס שטעהן שטיל.

עס איז מיינע אייגענע קנעכלען וואס הערען זיך אלץ העכער ביי יעדען שפאן און איך בין פאר־שעהמט.

ווען איך זיץ אויף מיין באלקאן און הער זיך צו נאך זיינע פוס־טריט, רוישען ניט דיא בלעטער אויף דיא בוימער, און דאס וואסער אין טייך איז שטיל ווייא דער שווערד אויף דיא קניען פון א וואך־סאל־דאט וואס איז אנשלאפען געפאלען.

עס איז מיין אייגען הארץ וואס קלאפט ווילד — איך ווייס ניט וויא אזוי איך זאל דאס איינשטילען.

ווען מיין ליעבער קומט און זעצט זיך ביי מיין זייט, ווען מיין קערפער ציטערט און מיינע אויגען ווערען שוואך, ווערט דיא נאכט פינסטער, דער ווינד פאר־

לעשט דעם לאָמפּ, און דיא וואָלקענס פּאַרציהען שלייערס איבער דיא שטערען.

עס איז דיא ציערונג אויף מיין אייגענער ברוסט וואָס שיינט און גיט ליכט. איך ווייס ניט וויא אזוי עס צו בעהאלטען.

10

לאָז צו רוה דיין ארבייט, כלה. הער, דער גאסט איז געקומען.

הערסט דוא, וויא ער שאָקעלט פיין דאס קייטעל וואָס בעפעסטיגט דיא טהיר?

זעה אז דיינע קנעכלען זאָלען ניט מאכען קיין הויכען גערויש, און אז דיין טריט איז ניט איבער־איילט איהם צו בעגעגנען.

לאָז צו רוה דיין ארבייט, כלה, דער גאסט איז גע־קומען אין אבענד.

ניין עס איז ניט דער גייסטערהאפטער ווינד, כלה, זיי ניט ערשראָקען.

עס איז דיא גאנצע לבנה אויף אן אפריל נאכט; דיא שאטענס זיינען בלאס אין דעם הויף; דער הי־מעל אויבען איז אויסגעלייטערט.

ציה ארויף דיין שלייער אויף דיין פנים אויב דוא מוזט. טראָג צו דעם לאָמפּ צו דער טהיר אויב דוא שרעקסט זיך.

ניין, עס איז ניט דער גייסטערהאפטער ווינד, כלה, זיי ניט ערשראָקען.

רעד ניט קיין וואָרט צו איהם אויב דוא ביזט שרעקעדיג; שטעה אין א זייט בײ דער טיהר ווען דיא בעגעגענסט איהם.

אויב ער פרעגט דיך פראגען, און אויב דוא ווינשט דאָס, קענסטו אראָפּלאזען דיינע אויגען און שוויי־געניש.

לאָז ניט דיינע ברעסלעטען קלינגען ווען, מיט'ן לאָמפּ אין דער האנד, דוא פיהרסט איהם אריין.
רעד קיין וואָרט צו איהם אויב דוא ביזט שרעקע־דיג.

האָסטו נאָך דיין ארבייט ניט געענדיגט, כלה? הער, דער גאסט איז געקומען.

האָסטו ניט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ אין דער קוה־שטאל?

האָסטו ניט גרייט געמאכט דעם אָפּפער קאָשעק פיר דעם אבענד דיענסט?

האָסטו ניט געלייגט דעם רויטען גליק צייכען ביי דער צושיידונג פון דיינע האָר, און פארטיג געמאכט דעם טואלעט פיר דער נאכט?

אָ כלה, הערסט דוא, אז דער גאסט איז געקומען?
לאָז דיין ארבייט זיין צו רוה!

11

קום וויא דוא ביזט; ניט קימער זיך איבער דיין טואלעט.

אויב דיינע פערפלאָכטענע האָר האָבען זיך צו־לאָזען, אויב דיא צושיידונג פון דיינע האָר זענען ניט גלייך, אויב דיא בענדליך פון דיין קאָרסעט זענען ניט אָנגעצויגען, ניט בעקימער זיך.

קום וויא דוא ביזט; ניט קימער זיך איבער דיין טואלעט.

קום מיט שנעלע טריט איבער דעם גראָז.

אויב דער קראַנץ קומט פון דיינע פיס צוליעב דעם טהוי, אויב דאָס קלינגען פון גלעקלעך אויף דיינע פיס ווערט שוואך, אויב פערלען פאלען ארוים פון דיין קייט, ניט בעקימער זיך.

קום מיט שנעלע טריט איבער דעם גראָז.

זעהסטו דיא וואָלקענס איינוויקלען דעם הימעל?

סטאדעס פון זשוראווען פליהען ארויף פון דעם ווייטערן ברעג־טייך און אונרוהיגע ווינד־שטויסען שפארען זיך איבער דער וויסטע.

דיא פארזאָרגטע פיה לויפען צו זייערע שטאלען אין דעם דאָרף.

זעהסטו דיא וואָלקענס איינוויקלען דעם הימעל?

אומזיסט צינדסט דוא אָן דיין טואלעט לאָמפּ — עס פלאטערט און געהט אויס אין דעם ווינד.

ווער קאָן וויסען אז דיינע אויגען זענען ניט בע־ריהרט געוואָרען מיט סאזשע? ווען דיינע אויגען זענען שווארצער פון רעגען־וואָלקענס.

אומזיסט צינדסט דוא אָן דיין טואלעט לאָמפּ — עס געהט אויס.

קום וויא דוא ביזט; ניט קימער זיך איבער דיין טואלעט.

אויב דער קראנץ איז ניט אויסגעפלאָכטען, ווער קימערט זיך; אויב דער ברעסלעט איז ניט געווען פארקייטעלט, לאָז דאס זיין.

דער הימעל איז פארצויגען מיט וואָלקענס — עס איז שפּעט.

קום וויא דוא ביזט; ניט קימער זיך איבער דיין טואלעט.

12

אויב דוא וואָלסט זיין פערנומען און דיין קריג פול, קום אָ קום צו מיין טייכעל.

דאָס וואסער וועט זיך איינשרומפען ארום דיינע פים און וועט פלוידערן איהר סוד.

דער שאָטען פון דעם אָנקומענדען רעגען איז אויף דעם זאמד, און דיא וואָלקענס הענגען ניעדריג אויף דיא בלויהע פאסען פון דיא בוימער וויא דיא שווערע האָר איבער דיינע אויגענברעמען.

איך וויים גוט דעם ריטהם פון דיינע טריט, זיי קלאפען אין מיין הארצען.

קום, אָ קום צו מיין טייכעל, אויב דוא מוזט אָנ־פילען דיין קריג.

אויב דוא וואָלסט זיין לעדיג און זיצען זאָרגלאָז און לאָזען דיין קריג שווימען אויף דעם וואסער, קום, אָ קום צו מיין טייכעל.

דער גראָזיגער בארג־הערעאָפ איז גרין, און דיא ווילדע בליטהען אָהן א צאָהל.

דיינע געדאנקען וועלען ארויסוואנדערן פון דיינע שווארצע אויגען וויא דיא פויגלען פון זייערע נעס־טען.

דיין שלייער וועט ארונטערפאלען צו דיינע פיס.

קום, אַ קום צו מיין טייכעל אויב דו מוזט זיצען ליידיג.

אויב דו וואָלסט אַבלאָזען דיין שפיעל און זיך איינטונקען אין דעם וואסער, קום, אַ קום צו מיין טייכעל.

לאָז דיין בלויהען מאנטעל ליגען אויף דעם ברעג; דאָס בלויהע וואסער וועט דיר פארדעקען און בע־האלטען.

דיא וועהלען וועלען שטעהן אויף שפיץ־פינגער צו קושען דיין האלז און שושקען אין דיינע אויערן.

קום, א קום צו מיין טייכעל אויב דו וואָלסט זיך איינטונקען אין וואסער.

אויב דו מוזט זיין בייז און שפרינגען צו דיין טויט, קום, אַ קום צו מיין טייכעל.

עס איז קיהל און אונערפאָרשליך טיעף.

עס איז פינסטער וויא א שלאָף וואָס איז טרוים־לאָז.

אין זיינע טיעפענישען זענען נעכט און טעג אלץ איינס, און דיא ליעדער שווייגען.

קום, אָ קום צו מיין טייכעל, אויב דוא זאָלסט זיך ווארפען צו דיין טויט.

13

איך האָב גאָרניט פערלאַנגט, נאָר איך בין געשטאַ־נען ביי דעם ברעג פון דעם וואלד אונטער דעם בוים.

בענקענים איז נאָך אַלץ געווען אויף דיא אויגען פון דעם טאָג אויסברוך, און דער טהוי אין דער לופט.

דער פוילער גערוך פון דעם פייכטען גראָז איז געהאנגען אין דעם דינעם נעבעל איבער דער ערד.

אונטער דעם פיעל פערצווייגטען בוים האָסטו גע־מאָלקען דיא קיה מיט דיינע הענט, צאַרט און פריש וויא פוטער.

און איך בין געשטאַנען שטיל.

איך האָב ניט געזאָגט קיין וואָרט. דאָס איז גע־ווען דער פויגעל וואָס האָט געזונגען אונגעזעהן פון דעם געדיכטען וואלד.

דער מאַנגאָ־בוים האָט פאַרשפּרייט זיין בליהונג אויף דעם דאָרפס־וועג, און דיא ביהנען זענען אַנ־געקומען זשומענדיג איינע נאָך דיא אַנדערע.

בײַ דער זײַט פֿון דעם טײַכעל איז דער טויער פֿון שיווא'ס טעמפּעל געעפֿענט געוואָרען און דער פֿאַר־געטערער האָט אָנגעפֿאַנגען זײַן קירכען געזאַנג.

מיט דעם געשיר אויף דײַן קניע האָסטו געמאָלקען דיא קוה.

איך בין געשטאַנען מיט מײַן לעדיגען פּענדעל.

איך בין ניט געקומען נעבען דיר.

דער הימעל האָט אויפגעוואַכט מיט דעם קלאַנג פֿון דעם צימבעל אין דעם טעמפּעל.

דער שטויב האָט זיך אויפגעהויבען אין דעם וועג דורך דיא קאַפּיטעס פֿון דיא אָנטרײַבענדע פֿיה.

מיט דיא גאָרגעלדיגע קריגען בײַ זײַערע לענדען, זענען דיא פֿרויען געקומען פֿון דעם טײַך.

דײַנע בראַסלעטען האָבען געקלונגען, און שוים האָט אָנגעפֿיהלט איבער דעם אָפֿענעם קריג.

דער מאָרגען איז אָנגעקומען און איך בין ניט גע־קומען נעבען דיר.

14

איך האָב שפּאַצירט אויף דעם וועג, איך ווייס ניט וואָרום, ווען דער מיטאָג־צייט איז אוועק און די באַמבוס־צווייגען האָבען גערוישט אין דעם ווינט.

די איינגעבויגענע שאָטענס מיט זייערע אויס־געשפּרייטע אָרמס האָבען זיך געקלעפּט צו די פיס פון דעם איילענדיגען ליכט.

די קאָעלס זענען געווען אומעדיג פון זייערע געזאַנגען.

איך האָב שפּאַצירט אויף דעם וועג, איך ווייס ניט וואָרום.

דאָס פעלד־שטיבעל ביי דער זייט פון דעם וואַסער איז בעשאָטענט פון אַן אריבערהענגענדען בוים.

עמיצער איז געווען פערנומען מיט איהר אַרבייט, און איהרע פאַלקעס האָבען געמאַכט מוזיק אין דעם ווינקעל.

איך בין געשטאַנען פאַר דעם פעלד־שטיבעל, איך ווייס ניט וואָרום.

דער ענגער ווינטיגער וועג שניידט דורך פיעלע זענפטיגע פעלדער, און פיעלע מאנגא וועלדער.

עס געהט פערביי דעם טעמפעל פון דעם דארף און דעם מארק ביי דעם לאנדונגס ארט פון טייך.

איך האב זיך אבגעשטעלט ביי דעם פעלד־שטיבעל, איך וויים ניט וואָרום.

יאָהרען צוריק איז דאָס געווען א טאָג פון א לופ־טיגען מערץ ווען דער פריהלינג האָט שמאכטענד געמורמעלט, און מאנגא בליטהען האָבען זיך גע־וואלגערט אין דעם שטויב.

דאס קרייזעלדיגעס וואסער איז געשפרונגען און געשלאָגען דאס מענשען שיפעל וואָס איז געשטאנען אויף דעם לאנדענס אָרט.

איך דענק וועגען יענעם טאָג אין דעם לופטיגען מערץ, איך וויים ניט ווארום.

דיא שאָטענס ווערען טונקעלער און דיא פיה קעה־רען זיך צוריק צו זייערע סטאדעס.

דאָס ליכט איז גרוי איבער דיא איינזאמע לאָנקעס,

אוּן דיא דאָרפס לייט וואַרטען אויף דער פעהרע בּיים בּרעג.

איך קעהר זיך לאנגזאם אָב נאָך מיינע טריט, איך ווייס ניט וואָרום.

15

איך לויף ווי א מאָסק־הירש לויפט אין דעם שאָטען פון דעם וואלד ביז אויף זיין אייגענעם פאַר־פיום.

די נאכט איז די נאכט פון מיטען־מאי, דער ווינד איז דער ווינד פון דרום.

איך פערליער מיין וועג און איך וואנדער, איך זוך וואָס איך קאָן ניט קריגען, איך קריג וואָס איך זוך ניט.

פון מיין הארץ קומט ארויס און עס טאנצט די פאָרשטעלונג, פון מיין אייגענעם פערלאנג.

די פינקלענדע זעהונג פלאטערט אויף.

איך פרוביר עס אומארמען שטארק, עס מיידעט מיר אויס און לאָזט מיר בלאָנדזשען.

איך זוך וואָס איך קאָן ניט קריגען, איך קריג וואָס איך זוך ניט.

16

הענט זיך האלטענדיג אין הענט און אויגען ארומ־קוקענדיג אויף אויגען; דערמיט פאנגט זיך אָן דיא געשיכטע פון אונזערע הערצער.

עס איז דיא לבנה־שיינענדיגע נאכט פון מערץ; דער זיסער גערוך פון העננא איז אין דער לופט; מיין פלייט ליגט אויף דער ערד פערנאכלעסיגט און דיין קראנץ פון בלומען איז ניט דערענדיגט.

דיזע ליעבע צווישען דיר און מיר איז אזוי איינ־פאך וויא א געזאנג.

דיין שלייער פון דיין סאפראַן קאָליר מאכט מיינע אויגען שכור.

דער בלומען־קראנץ וואָס דוא האָסט מיר אויס־געפלאָכטען דרינגט דורך מיין הארץ וויא א לויב געזאנג.

עס איז א שפיעל פון גיבען און צוריקהאלטען, פון אנטפלעקען און צוריק פארדעקען; איינינע שמייכעלס און איינינע קליינע שרעקען און מאנכע זיסע אוננוצליכע קעמפפע.

דיעזע ליעבּע צווישען דיר און מיר איז אזוי איינ־פאך וויא א געזאנג.

קיין געהיימנים אויסער דער געגענוואַרט; קיין שטרעבּונג פיר דאס אונמעגליכע; קיין שאָטען אונ־טער דעם צויבּער; קיין טאפּען אין דער טיעף פון דער פינסטערנים.

דיעזע ליעבּע צווישען דיר און מיר איז אזוי איינ־פאך וויא א געזאנג.

מיר פערבּלאָנדזשען ניט פון אלע ווערטער אין דער שווייגעניש; מיר הויבּען ניט אונזערע הענט אומזיסט פיר זאכען וואָס זענען אויסער האָפענונג.

עס איז גענוג וואָס מיר גיבּען און קריגען.

מיר האָבּען ניט אויסגעקוועטשט דיא פרייד ביזן סוף צו אויספּרעסען דערפון דעם וויין פון ליידען.

דיעזע ליעבּע צווישען דיר און מיר איז אזוי איינ־פאך וויא א געזאנג.

17.

דער געלער פויגעל זינגט אויף זיין בוים און מאכט מיין הארץ טאנצען מיט פרייד.

מיר ביידע לעבען אין דעם זעלבען דאָרף, און דאָס איז אונזער איינציגער שטיק פרייד.

איהרע פּאָר ליעבלינג־לעמעלעך קומען זיך פּאשען אין דעם שאָטען פון אונזערע גאָרטען בוימער.

ווען זיי פערבלאָנדזשען אין אונזער גאָרטען פעלד, נעהם איך זיי אין מיינע ארעמס.

דער נאָמען פון אונזער דאָרף איז קאניאנא, און אונזער טייך רופען זיי אניאנא.

מיין נאָמען איז בעוואוסט צום גאנצען דאָרף, און איהר נאָמען איז ראניאנא.

נאָר איין פעלד ליגט צווישען אונז.

דיא ביהנען וואָס האָבען זיך געווידמעט אין אונ־זער לוסט־וואלד געהן זוכען האָניג אין זייערן.

בלומען וואָס זענען אראָבגעפאלען פון זייער רוה־

פּרעפּ קומען שווימענדיג בּיי דעם שטראָם וואו מיר בּאָדען זיך.

קאַשעקעס פון אויסגעטריקענטע קוזם־בּלומען קו־מען פון זייערע פעלדער צו אונזער מארק.

דער נאָמען פון אונזער דאָרף איז קאַניאַנאַ, און אונזער טייך רופען זיי אַניאַנאַ.

מיין נאָמען איז בּעוואוסט צום גאַנצען דאָרף, און איהר נאָמען איז ראַניאַנאַ.

דאָס געסעל וואָס שלענגעלט זיך צו זייער הויז איז אַם פריהלינג אַנגעשמעקט מיט מאַנגאָ בּלומען.

ווען זייערע ליינזוימען איז פאַרטיג פאַרן שניט בּליהען דיא קאַנאָפּלען אין אונזער פעלד.

דיא שטערן וואָס שמייכלען אויף זייער הייזעל שיקען אונז דעם זעלבּען גלענצענדען קוק.

דער רעגען וואס בּעגיסט זייער וואסער־סיסטערנע ערפרעהט אויך אונזער קאַדאַם וואלד.

דער נאָמען פון אונזער דאָרף איז קאַניאַנאַ, און אונזער טייך רופען זיי אַניאַנאַ.

מיין נאָמען איז בּעוואוסט צום גאַנצען דאָרף, און איהר נאָמען איז ראַניאַנאַ.

18

ווען דיא צוויי שוועסטער געהן ארויפבריינגען וואסער, קומען זיי צו דיעזען ארט און זיי שמייכלען.

זיי מוזען אין אכט נעהמען עמיצען וואס שטעהט אונטער דיא בוימער ווען נאר זיי געהן ארויפבריינ־גען וואסער.

דיא צוויי שוועסטער סודו׳ן זיך ווען זיי געהן פערביי דעם ארט.

זיי האבען געמוזט טרעפען דעם סוד פון דעם עמיצען וואס שטעהט אונטער דיא בוימער ווען נאר זיי געהן ארויפבריינגען וואסער.

זייערע קריגען בייטען זיך פלוצלונג, און וואסער פערגיסט זיך ווען זיי דערגרייכען דיזען ארט.

זיי האבען געמוזט אויסגעפינען אז עמיצענ׳ס הארץ קלאפט וואס שטעהט אונטער דיא בוימער ווען נאר זיי געהן ארויפבריינגען וואסער.

דיא צוויי שוועסטער בליקען איינע אויף דיא אנ־דערע ווען זיי קומען צו דיעזען ארט, און זיי שמייכ־לען.

עס איז דאָ א געלעכטער אין זייערע שנעל־געהענ־דע פיס, וואָס מאכט א צומישעניס אין עמיצענ׳ס געדאנק וואָס שטעהט אונטער דיא בוימער ווען נאָר זיי געהן ארויפבריינגען וואסער.

19

דוא האָסט שפּאצירט אויפ'ן וועג ביים זייט פון מייך מיט דעם פולען קריג אויף דיין לענד.

ווארום האָסטו אויף גיך אָבגעקעהרט דיין פּנים און געקוקט אויף מיר דורך דיין ציטערנדען שלייער?

יענער שטראהלענדער קוק פון דער פינסטערנים האָט אויף מיר געווירקט וויא א ווינטעלע וואָס שיקט א ציטער דורך דעם קרייזעלדיגען וואסער און אנט־לויפט צום שאָטענדיגען ברעג.

עס האָט אויף מיר געווירקט וויא דער פויגעל פון אבענד וואָס פליהט ארום געשווינד איבער דעם ליכטלאָזען צימער פון איין אָפענעם פענסטער צום אנדערן, און פערשוואונדעט אין דער נאכט.

דוא ביזט בעהאלטען וויא א שטערן אונטער דיא בערגלעך, און איך בין א פערבייגעהר איבער דעם וועג.

אָבער וואָרום האָסטו זיך אויף א ווילע אָבגע־

שטעלט און געקוקט אויף מיין פנים דורך דיין שליי־
ער ווען דוא האָסט שפּאצירט אויפ'ן וועג ביים זיים
פון טייך מיט דעם פולען קריג אויף דיין לענד?

20

טאָג נאָך טאָג קומט ער און געהט אוועק.

געה, און גיב איהם א בלום פון מיינע האָר, מיין פריינד.

אויב ער פרעגט ווער האָט דאָס געשיקט, בעט איך דיר ניט זאָג איהם מיין נאָמען — ווייל נאָר עס קומט און געהט אוועק.

ער זיצט אויף דעם שטויב אונטער דעם בוים.

פערשפרייט דאָרט אן אָרט מיט בלומען און בלעטער, מיין פריינד.

זיינע אויגען זענען טרויעריג, און זיי ברייגען טרויער צו מיין הארצען.

ער רעדט ניט וואָס ער האָט אין געדאנק; נאָר ער קומט און געהט אוועק.

21

ווארום האָט ער אויסגעוועהלט קומען צו מיין טהיר, דער וואנדערער יונגלינג, ווען דער טאָג האָט אָנגעפאנגען?

וויא איך קום אריין און ארוים געה איך פערביי איהם יעדען מאָל, און מיינע אויגען זענען געפאנגען ביי זיין פנים.

איך ווייס נים אויב איך זאָל צו איהם רעדען אָדער זיין שטיל. וואָרום האָט ער אויסגעוועהלט קומען צו מיין טהיר?

דיא וואָלקענדיגע נעכט אין יולי זענען פינסטער; דער הימעל איז ווייך בלויה אין הערבסט; דיא פריה־לינגס טעג זענען אונרוהיג מיט דעם דרום ווינד.

ער וועבט זיינע ליעדער מיט פרישע טענער יעדען מאָל.

איך קעהר זיך אוועק פון מיין ארבייט און מיינע אויגען פול מיט דעם נעבעל. וואָרום האָט ער אויס־געוועהלט קומען צו מיין טהיר?

22

ווען זיא איז דורכגעגאנגען פערבּיי מיר מיט שנעלע טריט, האָט דער בּרעג פון איהר קלייד מיר בּעריהרט.

פון דעם אונבּעוואוסטען אינזעל פון א האַרץ איז געקומען א פּלוצלונגער ווארימער אָטהעם פון פריהלינג.

א ציטער פון א פלאטערנדען ריהר האָט מיר א שטאָך געטהון און איז פערשוואונדען אין א מאָמענט, וויא א צוריסען בּלומען־בּלעטעל אוועקגעבּלאָזען אין דעם ווינד.

עס איז ארויף אויף מיין האַרץ וויא א זיפץ פון איהר קערפּער און א מורמעל פון איהר הארצען.

23

ווארום זיצט דוא דאָרט און קלינגסט מיט דיינע ברעסלעטען אין בלויזען צייט פערטרייב?
פיל אָן דיין קריג. עס איז צייט פיר דיר צו קומען א היים.

ווארום בעוועגסטו דיא וואסער מיט דיינע הענט און קוקסט אונרוהיג אויף דעם וועג פיר עמיצען אין בלויזען צייט פערטרייב?
פיל אָן דעם קריג און קום א היים.

דיא מאָרגען שטונדען געהן אוועק — דיא דונקעלע וואסער פליסט זיך.
דיא וועהלען לאכען און סוד'ן זיך אין בלויזען צייט-פערטרייב.

דיא וואנדערנדע וואָלקענס האָבען זיך צוזאמענגעקלויבען ביי דעם ענד פון'ם הימעל אויף יענער זייט אויפגעהן פון דעם לאנד.
זיי ווארטען און קוקען אויף דיין פנים און שמייכלען אין בלויזען צייט-פערטרייב.
פיל אָן דיין קריג און קום א היים.

24

ניט בעהאלט פיר זיך אליין דעם סוד פון דיין הארצען, מיין פריינד!

זאָג עס צו מיר, נאָר צו מיר, אין געהיים.

דוא וואָס שמייכעלסט אזוי פיין, זאָג עס מיר שטיל, מיין הארץ וועט דאָס הערען, ניט מיינע אויערן.

דיא נאַכט איז טיעף, דיא הויז איז שטיל, דיא פויגעלעך׳ם נעסטען זענען איינגעוויקעלט אין שלאָף.

רעד צו מיר דורך איינגעהאלטענע טרערען, דורך אויפהאלטענדע שמייכלען, דורך זיסען שעהמען זיך און וועהטאָג, דעם סוד פון דיין הארצען!

25

„קום צו אונז, יוגענד, זאָג אונז ריכטיג ווארום איז פאראַן גרימצאָרן אין דיינע אויגען?"

„איך ווייס ניט וואָסער ווייַן פון ווילדען מאָהן איך האָב געטרונקען, עס זאָל זיין דיעזער גרימצאָרן אין מיינע אויגען."

„אך, שאנדע!"

„נון, מאנכע זענען קלוג און מאנכע נאריש, מאנ־כע זענען וואכזאם און מאנכע זאָרגלאָז. עס זענען פאראַן אויגען וואָס שמייכלען און אויגען וואָס וויי־נען — און אין מיינע אויגען איז גרימצאָרן."

„יונגענד, ווארום שטעהסטו אזוי שטיל אונטער דעם שאָטען פון דעם בוים?"

„מיינע פיס זענען שוואך מיט דעם לאסט פון מיין הארץ, און איך שטעה שטיל אין דעם שאָטען."

„אך, שאנדע!"

‚נון, מאנכע מארשירען אויף זייער וועג און מאנ־
כע ווארטען לאנג, מאנכע זענען פריי און מאנכע
זענען געבונדען — און מיינע פיס זענען שוואך מיט
דעם לאסט פון מיין הארצען.“

26

„איך נעהם וואָס עס קומט פון דיין ווילענדיגער האנט. איך בעט פיר קיין זאך מעהר.“

„יאָ, יאָ, איך קאָן דיך, בעשיידענער בעטלער, דוא פערלאנגסט אלעס וואָס איינער האָט.“

„אויב דאָרט װעט זיין א פערבלאָנזשעטע בלום פאר מיר וועל איך עס טראָגען אין מיין הארצען.“

„און אויב דאָרט וועט זיין דערנער?“

„וועל איך זיי אויסהאלטען.“

„יאָ, יאָ, איך קאָן דיך, בעשיידענער בעטלער, דוא פערלאנגסט אלעס וואָס איינער האָט.“

„ווען דוא זאָלסט נאָר איין מאָל אויפהויבען דיינע ליעבע אויגען צו מיין פנים וואָלט דאָס מיין לעבען פערזיסט ביז׳ן טויט.“

„און אויב עס וועט נאָר זיין גרויזאמע בליקען?“

„וועל איך זיי האלטען צו דורכשטעכען מיין הארץ.“

„יא, יא, איך קאן דיך, בעשיידענער בעטלער, דוא פערלאנגסט אלעס וואס איינער האט.“

27

„גלויב דער ליעבע זאָגאר ווען עס בריינגט דיר ליידען. זעה פערשלים ניט דיין הארץ.“

„אך ניין, מיין פריינד, דיינע ווערטער זענען דונקעל, איך קאָן זיי ניט פערשטיין.“

„דאָס הארץ איז נאָר אום אוועקצוגעבען מיט א טרער און א ליעד, מיין ליעבע.“

„אך ניין, מיין פריינד, דיינע ווערטער זענען דונקעל, איך קאָן זיי ניט פערשטיין.“

„פערגעניגען איז שוואך וויא א טוי־טראָפּען, לאַכענדיג שטארבט עס. נאָר שמערץ איז שטארק און דויערענד. זאָל שמערצפולע ליעבע וואכען אין דיינע אויגען.“

„אך ניין, מיין פריינד, דיינע ווערטער זענען דונקעל, איך קאָן זיי ניט פערשטיין.“

„דער פלאנץ בליהט אין דעם אנזעהן פון דער זון, און פערליערט אלעס וואָס עס האָט. עס וואָלט ניט

געבליבען אין דעם שפּראַץ־אויגעלע אין דיא עביגע ווינטער געבלען."

„אך ניין, מיין פריינד, דיינע ווערטער זענען דונקעל, איך קאָן זיי ניט פערשטיין."

28

דיינע אויספרעגענדע אויגען זענען אומעדיג. זיי זוכען צו געפינען מיין אבזיכט וויא דיא לבנה וואָלט ערגרינדען דעם ים.

איך האָב אויפגעדעקט מיין לעבען פאר דיינע אויגען פון איין ענד צום צווייטען, מיט קיין זאך בע־האלטען אָדער פארשטעלט. דאָס איז וואָרום דוא קאָנסט מיר ניט.

ווען עס וואָלט נאָר געווען אן עדעלשטיין וואָלט איך איהם געקאָנט צובּרעכען אין א הונדערט שטיק־לעך און פון זיי מאכען א שנור ארויפצוליי־גען אויף דיין האלז.

ווען עס וואָלט נאָר געווען א בּלום, רונד און קליין און זיס, וואָלט איך עס געקאָנט ארויסרייסען פון זיין צווייגעל צו ארייננזעצען עס אין דיינע האָר.

אָבּער דאָס איז א הארץ, מיין ליעבּסטע, וואו זענען אין דעם דיא גרענעצען און דיא גרונטען?

דוא ווייסט ניט דיא גרענעצען פון דיעזען קעניג־רייך, דאָך בּיזטו זיין קעניגין.

ווען עס וואָלט נאָר געווען א מאָמענט פון פערגע־ניגען וואָלט עס געבליהט אין א לייכטען שמייכעל, און דוא וואָלסט געקאָנט עס זעהן און לעזען אין אן אויגענבליק.

ווען עס וואָלט נאָר געווען א שמערץ וואָלט עס צוגאנגגען אין קלאָהרע טרערען, אָבשפּיגלענדיג זיין אינווענינסטען סוד אָהן א וואָרט.

אָבער דאָס איז ליעבע, מיין ליעבסטע.

איהרע פריידען און ליידען זענען גרענצלאָז, און ענדלאָז זענען איהרע מאנגלען און פארמעגענס.

עס איז אזוי נאָהענט צו דיר וויא דיין לעבען, נאָר דוא קאָנסט דאָס קיין מאָל אין גאנצען ניט וויסען.

29

רעד צו מיר, מיין געליעבטער! דערצעהל מיר אין ווערטער וואָס דוא האָסט געזונגען.

דיא נאכט איז פינסטער. דיא שטערן זענען פערלוירען אין דיא וואָלקענס. דער ווינד זיפצט דורך דיא בלעטער.

איך וויל לויז לאָזען מיינע האָר. מיין בלויעס קלייד וועט מיר ארומנעהמען וויא דיא נאכט. איך וויל צודריקען דיין קאָפּ צו מיין בוזים; און דאָרטען אין דער זיסער איינזאמקייט וועט שטאמלען דיין הארץ. איך וויל פערמאכען מיינע אויגען און זיך צוהערען. איך וועל ניט קוקען אין דיין פנים.

ווען דיינע ווערטער וועלען זיין געענדיגט, וועלען מיר זיצען שטיל און שווייגען. נאָר דיא בוימער וועלען שושקען אין דער פינסטער.

דיא נאכט וועט בלאס ווערען. דער טאָג וועט אויסברעכען. מיר וועלען זיך אָנקוקען אין דיא אויגען און זיך צוגעהן אויף אונזערע פערשיידענע וועגען.

רעד צו מיר, מיין געליעבטער! דערצעהל מיר אין ווערטער וואָס דוא האָסט געזונגען.

30

דוא ביזט דער אבענד וואָלקען וואָס שוועבט אין דעם הימעל פון מיינע חלומות.

איך מאָהל דיר און מאָדעליר דיר שטענדיג מיט מיינע ליעבע בענקעניסען.

דוא ביזט מיין אייגענע, מיין אייגענע, איינוואָנערן אין מיינע ענדלאָזע חלומות!

דיינע פיס זענען ראָזעווע־רויט מיט דעם ברען פון מיין הארצענס פערלאנג, זאמלערן פון מיינע זון פאר־געהענדע ליעדער!

דיינע ליפען זענען ביטער־זיס מיט דעם טעם פון מיין וויין פון שמערץ.

דוא ביזט מיין אייגענע, מיין אייגענע, איינוואָנערן אין מיינע איינזאמע חלומות!

מיט דעם שאָטען פון מיין ליידענשאפט האָב איך פארפינסטערט דיינע אויגען, בעזוכערין פון מיין בליק'ס טיעפניש!

איך האָב דיר געפאנגען און פערנארט, מיין ליעבסטע, אין דעם נעץ פון מיין מוזיק.

דוא ביזט מיין אייגענע, מיין אייגענע, איינוואָנערן אין מיינע אונשטערבליכע חלומות!

31

מיין הארץ, דער פויגעל פון דער ווילדערנים, האָט געפונען זיין הימעל אין דיינע אויגען.

זיי זענען דער וויעג פון דעם פריה מאָרהגען, זיי זענען דער קעניגרייך פון דיא שטערן.

מיינע ליעדער פערליערען זיך אין זייער טיעפניש.

לאָז מיר נאָר ארומשוועבען אין יענעם הימעל, אין זיין איינזאמען אונענדליכקייט.

לאָז מיר נאָר שפּאלטען זיינע וואָלקענס און אוים־שפּרייטען פליגלען איז זיין זונען־שיין.

32

זאָג מיר אויב דאָס אלעס איז אמת, מיין ליעבער,
זאָג מיר אויב דאָס אלעס איז אמת.

ווען דיזע אויגען וואַרפען זייער ליכטיגקייט גיבען דיא פינסטערע וואָלקענס אין דיין ברוסט א שטורם־דיגען ענטפער.

איז דאָס אמת אז מיינע ליפען זיינען זיס וויא דער ערשטער אויסשפּראָך פון דער נאַר וואָס איבערצייגטער ליעבע?

זאָג מיר מיין ליעבע, אויב דאָס אלעס איז אמת.

טהוען נאָך דיא זכרונות פון דיא פערגאנגענע מאי־מאָנאטען צעגערן אין מיינע גליעדער?

טהוט דיא ערד, וויא א הארפע, א ציטער טון אין געזאנג מיט דער בעריהרונג פון מיינע פיס?

איז עס דען אמת אז דיא טהוי־טראָפּענס פאלען פון דיא אויגען פון דער נאכט ווען איך בין אנגע־זעהן, און דאָס מאָרגען ליכט איז פרעהליך ווען עס וויקעלט מיין קערפּער ארום?

איז דאָס אמת, איז דאָס אמת, אז דיין ליעבע האָט ארומגערייזט אליין דורך צייטען און וועלטען זוכענדיג מיר?

אז ווען דוא האָסט מיר ענדליך געפונען, האָט דיין יאָהרען־לאנגער וואונש געפונען גענצליך פריעדען אין מיין עדעלער שפּראַך און מיינע אויגען און ליפּען און פלאטערענדע האָר?

איז דאָס דען אמת אז דאָס געהיימנים פון דעם אונענדליכען איז אויפגעשריבען אויף דיעזען קליינינקען שטערן מיינעם?

33

איך ליעב, דיר געליעבטע. פארגיב מיר מיין ליעבע.
איך בין געפאנגען וויא א פויגעלע וואס פערלירט זיין וועג.
ווען מיין הארץ האט געציטערט האט עס פערלארען דעם צודעק און איז געבליעבען נאקעט. פארדעק עס מיט רחמנות, געליעבטע, און פארגיב מיר מיין ליעבע.

אויב דו קאנסט מיר ניט ליעבען, געליעבטע, פארגיב מיר מיין שמערץ.
קוק ניט אויף מיר אין א זייט פון וויטענס.
איך וועל זיך פערגנב'נען צוריק צו מיין ווינקעל און זיצען אין דער פינסטער.
מיט ביידע הענט וועל איך פערדעקען מיין נאקעטע שאנד.
נעהם אוועק דיין פנים פון מיר, געליעבטע, און פארגיב מיר מיין שמערץ.

אויב דוא ליעבסט מיר, געליעבטע, פארגיב מיר מיין פרייד.

ווען מיין הארץ ווערט אוועקגעטראָגן דורך א מבול פון גליק, ניט שמייכעל פון מיין געפעהרליכע פערלאָזענהייט.

ווען איך זיץ אויף מיין טראָהן און רעגיער דיר מיט מיין ליעבעם טיראנייַ, ווען וויא א געטין בע־וויליג איך דיר מיין בעגנאַדיגונג, טראָג מיט מיין שטאָלץ, געליעבטע און פערגיב, מיר מיין פרייד.

.34

ניט געה אוועק, מיין ליעבע, ניט בעטענדיג מיין ערלויבנים.

איך האב אכט געגעבען א גאנצע נאכט און אצונד זיינען מיינע אויגען שטארק שלעפעריג.

איך האב מורא טאָמער פערליער איך דיר ווען איך וועל איישלאָפען ווערען.

ניט געה אוועק, מיין ליעבע, ניט בעטענדיג מיין ערלויבנים.

איך שפּרינג אויף און שטרעק אויס מיינע הענט דיר צו בעריהרען. איך פרעג זיך אליין, „איז דאס א חלום?“

וואָלט איך נאָר געקאָנט איינוויקלען דיינע פיס מיט מיין הארצען און זיי האלטען פעסט צו מיין ברוסט.

ניט געה אוועק, מיין ליעבע, ניט בעטענדיג מיין ערלויבנים.

.35

טאָמער וואָלט איך דיר לייכט דערקאָנט, שפּילסטו זיך מיט מיר.
דוא פערבלענדסט מיר מיט דיא בליצען פון געלעכטער צו בעהאלטען דיינע טרעהרען.
איך ווייס, איך וויים דיין קונסט.
דוא זאָגסט קיין מאָל ניט דאס וואָרט וואס דוא וואָלסט געוואָלט.

טאָמער וואלט איך דיר ניט געשאצט, פערמיידסט דוא מיר אין טויזענדער וועגען.
טאָמער וואָלט איך דיר פארמישט מיט דעם המון שטעהסטו אין א זייט.
איך וויים, איך וויים דיין קונסט.
דוא שפּאצירסט קיין מאָל ניט דעם וועג וואס דוא וואָלסט געוואָלט.

דיין פאָדערונג איז מעהר וויא דיא וואס פון אנדערע, דאס איז ווארום דוא שווייגסט.
מיט שטיפערישער זאָרגלאָזיגקייט פערמיידסטו מיינע מתנות.
איך וויים, איך וויים דיין קונסט.
דוא וועסט קיין מאָל ניט נעהמען וואס דוא וואָלסט געוואָלט.

.36

ער האט געשושקעט, „מיין ליעבע, הויב אויף דיינע אויגען."

איך האב איהם שטרעג געטאדעלט, און האב געזאגט „געה!" נאר ער האט זיך ניט געריהרט.

ער איז געשטאנען פאר מיר און האט געהאלטען ביידע מיינע הענט. איך האב געזאגט, „לאז מיר אב!" נאר ער איז ניט געגאנגען.

ער האט געבראכט זיין פנים נעבען מיין אויער. איך האב אויף איהם א בליק געטון און האב געזאגט, „וואס פאר אן אונפערשעמטקייט!", נאר ער איז ניט אוועק.

זיינע ליפען האבען בעריהרט מיינע באקען. איך האב א שוידער געטון און האב געזאגט, „דוא וואגסט צו פיעל"; נאר ער האט זיך ניט פארשעהמט.

ער האט אריינגעלייגט א בלום אין מיינע האר. איך האב געזאגט, „עס איז נוצלאז!"; נאר ער איז געשטאנען אונבעוועגט.

ער האט אראבגענומען דעם בלומען־קראנץ פון מיין האלז און איז אוועק. איך וויין און פרעג מיין הארץ, „ווארום קומט ער ניט צוריק?"

37

וואָלסטו ארויפגעלייגט דיין קראַנץ פון פרישע בלומען אויף מיין האלז, דוא שעהנער?

אָבער דוא מוזט וויסען אז דער איינער קראַנץ וואָס איך האָב אויסגעפלאָכטען איז פאר דיא פיעלע, פיר יענע וואָס ווערען געזעהן אין שוואכען שיין, אָדער וואָהנען אין לענדער אונערפאָרשטע, אָדער לעבען אין דעם דיכטער׳ם ליעדער.

עם איז צו שפעט צו פערלאנגען מיין הארץ אין אויסטויש פיר דיינעם.

עם איז אמאָל געוועזען א צייט ווען מיין לעבען איז געוועזען וויא א שפּראָץ־אייגעלע, זיין גאנצער ריח איז געוועזען אָנגעזאמעלט אין זיין פלאנצען־הארץ.

אצינד איז דאָס צושפּרייט ווייט און ברייט.

ווער וויים דעם צויבער וואָס קאָן דאָס צוזאמענקלייבען און עס פארשליסען ווידער אמאָל?

מיין הארץ איז ניט מיינס דאס אוועקגעבען נאָר צו איינעם, עס איז אוועקגעגעבען צו דיא פיעלע.

38

מיין ליעבע, א מאָל צוריק האָט דיין דיכטער פאָר־בערייטעט א גרויסען העלדען־געדיכט אין זיין גע־דאנק.

אך, איך בין ניט געווען פאָרזיכטיג, און עס האָט צושטויסען דיינע קלינגענדע קנעכלען און האָט פער־אורזאכט שמערץ.

עס האָט זיך צובראָכען אין שטיקלעך ליעדער און ליגט צוואוואָרפען ביי דיינע פיס.

מיין גאנצער פאק געשיכטען פון אלטע מלחמות איז צושליידערט געוואָרען פון דיא לאכענדיגע וועה־לען איז געוואָרען אויסגעווייקט אין טרערען און איז פערזונקען.

דוא מוזט מיר גוט מאכען דעם פערלוסט, מיין ליעבע.

אויב מיינע פרעטענזיעס אויף אונשטערבליכען רוהם נאָכ׳ן טויט זענען צושמעטערט, דאן מאך מיר אונשטערבליך אזוי לאנג איך לעב.

און איך וועל ניט טרויערן נאָך מיין פערלוסט און וועל דיר ניט בעשולדיגען.

39

איך פלעכט א קראנץ דעם גאנצען פריה מאָרגען, נאָר דיא בלומען גליטשען זיך און פאלען ארוים.

דוא זיצסט דאָרט און היטסט מיר אין דער שטיל דורך דעם ווינקעל פון דיינע נאכפאָרשענדע אויגען.

פרעג יענע אויגען, וואָס פלאנעווען דעם שאדען אין דער פינסטער, וועמענס פעהלער איז דאָס געווען.

איך פרוב זינגען א ליעד, נאָר אומזיסט.

א בעהאלטענער שמייכעל ציטערט אויף דיינע ליפען, פרעג ביי איהם דיא אורזאך פון מיין פעהלער.

זאָלען דיינע שמייכעלדיגע ליפען זאָגען ביי א שבועה וויא אזוי מיין שטים האָט זיך פערלוירען אין שווייגעניש וויא א פער'שכור'טער ביהן אין דעם ביהן־שטאָק.

עס איז אבענד, און דיא צייט פאר דיא בלומען צו פערמאכען זייערע בלומען־בלעטלעך.

ערלויב מיר צו זיצען ביי דיין זייט, און בעפעהל מיינע ליפען צו טהון דיא ארבייט וואָס קאָן געטהון זיין אין שווייגעניש און אין דעם דונקלען ליכט פון דיא שטערן.

40

אן אונגלויבליכער שמייכעל בעוועגט זיך אויף דיינע אויגען ווען איך קום צו דיר זיך געזעגענען.

איך האָב דאָס געטהון אזוי אָפט אז דוא דענקסט שוין איך וועל זיך באלד אומקעהרען.

צו זאָגען דיר דעם אמת האָב איך דעם זעלבען צווייפעל אין מיין געדאנק.

דען דיא פריהלינגס טעג קומען צוריק פון צייט צו צייט; דיא פולע לבנה געהט אוועק און קומט ווידער אויף בעזוך, דיא בלומען קומען נאָך אמאָל רויט ווערענדיג אויף זייערע צווייגען איין יאָהר נאָכ'ן אנדערן, און עס איז וואהרשיינליך אז איך געה אוועק נאָר צו קומען צו דיר נאָך אמאָל.

אָבער האלט דיא איינבילדונג א ווילע; ניט שיק זיא אוועק מיט א ניט עדעלער איילעניש.

ווען איך זאָג איך פערלאָז דיך אויף אלע צייטען, נעהם דאָס אָן פאר אמת, און לאָז א נעבעל פון טרע-

רען אויף א מאָמענט דונקעל מאכען דעם שווארצען רייף פון דיינע אויגען.

דאן שמייכעל אזוי לוסטיג וויא דיר געפעהלט ווען איך קום ווידער אמאָל צוריק.

41

איך בענק ארויסרעדען דיא טיעפסטע ווערטער וואָס איך האָב דיר צו זאָגען; נאָר איך וואג ניט, אוים מורא דוא וועסט לאכען.

דאָס איז ווארום איך לאך פון זיך אליין און צו־שמעטער מיין סוד אין שפאס.

איך מאך זיך גרינג מיין שמערץ, אוים מורא דוא זאָלסט אזוי טהון.

איך בענק צו דערצעהלען דיר דיא וואהרהאפסטע ווערטער וואָס איך האָב דיר צו זאָגען; נאָר איך וואג ניט, אוים מורא אז דוא וועסט זיי ניט גלויבען.

דאָס איז ווארום איך פערקלייד זיי אין פאלשקייט, זאָגענדיג דאס פערקעהרטע וואָס איך מיין.

איך מאך מיין שמערץ אויסזעהן נאריש, אוים מורא דוא זאָלסט אזוי טהון.

איך בענק צו געברויכען דיא שעהנסטע ווערטער וואָס איך האָב פאר דיר; נאָר איך וואג ניט, אוים

מורא איך וועל ניט בעלייגט ווערען מיט דעם זעל־בען ווערטה.

דאָס איז ווארום איך גיב דיר שווערע נעמען און בעריהם זיך מיט מיין הארטער גבורה.

איך פערוואונד דיך, אוים מורא דוא זאָלסט קיין מאָל ניט וויסען קיין וועהטאָג.

איך בענק צו זיצען נעבען דיר; נאָר איך וואג ניט טאָמער וועט מיין הארץ ארויסקומען אויף מיי־נע ליפען.

דאָס איז ווארום איך פלוידער און פלאפּעל גרינג און בעהאלט מיין הארץ אונטער ווערטער.

איך בעהאנדעל גראָב מיין שמערץ, אוים מורא דוא זאָלסט אזוי טהון.

איך בענק אוועקגעהן פון דיין זייט, נאָר איך וואג ניט, אוים מורא דוא וועסט דערקאָנען מיין פייגהייט.

דאָס איז ווארום איך האלט מיין קאָפּ הויך און קום אונפאָרזיכטיג אין דיין אנוועזענהייט.

דיא שטענדיגע שטעכען פון דיינע אויגען האלטען מיין וועהטאָג פריש אויף עביג.

42

אך וואהנזיניגער, עהרליכער שכור;

ווען דוא צועפּענסט דיינע טהירען און שפּילסט דעם נאר אין דרויסען;

ווען דוא וועסט אין א נאכט אויסלעדיגען דיין זאק, און מיט דיא פינגער אוועקמאכען דיא קלוג־הייט;

ווען דוא שפּאצירסט אין מאָדנע וועגען און שפּילסט מיט אונניצליכע זאכען;

ניט נויץ דער פערז אָדער דיא פערנונפט;

ווען פאַנאַנדערלאָזענדיג דיינע זעגלען פאר'ן שטורם צו ברעכסטו דעם רודער אויף צווייען.

דאן וועל איך דיר נאכפאָלגען, קאמעראד, און וועל זיך אנשיכור'ן און געהן צו דיא הינט.

איך האָב פארשוועגדעט מיינע טעג און נעכט אין דער געזעלשאפט פון שטענדיג קלוגע חברים.

דאס פיעל וויסען האָט מיינע האָר גרוי געמאכט, און דאס פיעל אכטונג געבען האָט מיין זעהונג פער־דונקעלט.

פיעל יאָהרען האָב איך געזאמעלט און אויפגעקלי־בען שטיקלעך און ברעקלעך פון זאכען:

צודריקט זיי און געטאנצט אויף זיי, און זיי אלע צוזעעט צו דיא ווינטען.

ווייל איך וויים עס איז דיא הויכקייט פון דער חכמה, זיך אנ׳שכרון און געהן צו דיא הינט.

לאָז אלע קרומע צווייפלער פערשוואונדען, לאָז מיר האָפנונגסלאָז פערלירען מיין וועג.

זאָל א ווינד־שטורם פון ווילדען לייכטזין קומען און מיר אוועקטראָגען פון מיינע אנקערם.

דיא וועלט איז בעפעלקערט מיטווירדיגע מענשען, און מיט ארבייטער, נוצליכע און פעהיגע.

עס זענען פאראן מענשען וואָם זענען לייכט צו זיין דיא ערשטע, און מענשען וואָם קומען אנשטענדיג ערשט נאכדעם.

לאָז זיי זיין פרעהליך און גליקליך, און לאָז מיר זיין נאריש פוסט.

ווייל איך וויים עס איז דער סוף פון אלע ארביי־טען זיך אנ׳שכור׳ן און געהן צו דיא הינט.

איך שווער צו אָבטרעטען אין דעם מאָמענט אלע פרעטענזיעס צו דיא שטופען פון דעם אנשטענדיגען.

איך לאָז געהן מיין שטאָלצירען אויף געלערענט־קייט און אויף דער אורטהיילונג פון גוט און שלעכט.

איך וויל צושמעטערן דער עראינערונג׳ם שיפעל צוזעענדיג דעם לעצטען טראָפּען טרערען.

מיט דעם שוים פון דער יאגדעם־רויטען ויין וועל איך באָדען און העל מאכען מיין געלעכטער.

דעם שטעמפּעל פון דעם ציווילנעם און דעם אָפּגעשטאנענעם וועל איך צורייסען אין שטיקער אויף א מאָל.

איך וועל אויף זיך נעהמען א הייליגען נדר צו זיין ווערטהלאָז, זיך אנ׳שכור׳ן און געהן צו דיא הינט.

43

ניין, מיינע פריינד, איך וועל קיין מאָל ניט זיין קיין אסקעט, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען.

איך וועל קיין מאָל ניט זיין קיין אסקעט אויב זיא נעהמט ניט דעם נדר מיט מיר.

עס איז מיין העכסטער בעשלוס אז אויב איך קאָן ניט געפינען קיין שאָטענדיגען דאך און א בעגלייטערן פאר מיין תשובה, זאָל איך קיין מאָל ניט ווערען אן אסקעט.

ניין, מיינע פריינד, איך וועל קיין מאָל ניט פארלאָזען מיין פייער פלאץ און היים, און זיך צוריקציהען אין דעם וואלד'ס איינזאמקייט. אויב עס קלינגט ניט קיין פרעהליך געלעכטער אין זיין עכאָדיגען שאָטען און אויב דער ברעג פון קיין פארביגען מאנטעל פלאטערט ניט אין דעם ווינד; אויב זיין שטילקייט איז ניט פארטיעפט פון שטילע גערוישען.

וויל איך קיין מאָל ניט זיין אן אסקעט.

44

הויכווירדיגער הארר, פערגיב דאָס פּאָרל זינדערס. דיא פריהלינגס ווינטען בלאָזען היינט אין ווילדע שלאַגען, אוועקטרייבענדיג דעם שטויב אין דיא טויטע בלעטער, און מיט זיי געהן אלע דיינע לעהרען פערלאָרען.

ניט זאָג, פאטער, אז דאָס לעבען איז א נארישקייט.

ווייל מיר האָבען מיט א מאָל פריעדען געמאכט מיט'ן טויט, און נאָר אויף א פּאָר שמעקענדיגע שטונדען זענען מיר ביידע געמאכט געוואָרען אונשטערבליך.

זאָגאר ווען דעם קעניג'ס ארמיי קומט אָן און בעפאלט אונז גרויזאם וואָלטען מיר טרויעריג אָבגעטרייסעלט אונזערע קעפּ און געזאָגט, ברידער, איהר שטערט אונז. אויב איהר מוזט האָבען דיעזע ליאַמדיגע שפּיעל, געהט און קלאַפּט זיך ערגעץ אנדערש.

ווייל נאָר אויף א פּאָר פּערגעהענדע מאָמענטען זע־
נען מיר געמאכט געוואָרען אונשטערבּליך.

אויב פריינדליכע מענשען וואָלטען געקומען און
געפּאשעט ארום אונז, וואָלטען מיר בּעשיידען זיך
איינגעבּויגען צו זיי און געזאָגט, דיעזער פערשוועג־
דעריש גוטער טרעפען זיך איז א פערלעגענהייט פאר
אונז. עס איז קוים דאָ אָרט אין דעם אונענדליכען
הימעל וואו מיר וואָהנען. ווייל אין פריהלינגס צייט
זענען דיא בּלומען דאָ א סך, און דיא פארנומענע
פליגעלעך פון דיא בּיהנען שטויסען זיך איינע דיא
אנדערע. אונזער קליינער הימעל, וואו עס וואָהנען
נאָר מיר צוויי אונשטערבּליכע, איז אונזיניג צו ענג.

45

צו דיא געסט וואָס מוזען געהן בעטען גאָט'ס הילף און אוועקקעהרען אלע צייכענס פון זייערע טריט.

נעהמט מיט א שמייכעל צו אייער בוזים וואָס איז גרינג און איינפאך און נאָהענט.

היינט איז דער יום טוב פון ערשיינונגען וואָס ווייסען ניט ווען זיי שטארבען.

זאָל אייער געלעכטער זיין נאָר א זינלאָזע פרייד וויא שטראהלען פון ליכט אויף דעם קרייזעלדיגען וואסער.

זאָל אייער לעבען טאנצען לייכט אויף דיא ברעגען פון צייט וויא דער טהוי אויף דעם שפיץ פון א בלעט־טעל.

קלאפט אוים אין דיא סטרונעס פון אייער הארץ ציטערנדע מאָמענטאנע גראמען.

46

דוא האָסט מיר איבערגעלאָזט און אוועק אויף דיין וועג.

איך האָב געטראַכט איך זאָל נאָר דיר טרויען און אריינזעצען דיין איינזאַמען אָפּבילד אין מיין האַרצען אויסגעאַרבייט אין אַ גאָלדענעם ליעד.

נאָר אָך, מיין בייזער שיקזאַל, דיא צייט איז קורץ.

דיא יוגענד פאַרמינערט זיך איין יאָהר נאָכ'ן אַנדערן; דיא פריהלינגס טעג זענען פערגענגליך; דיא שוואַכע בלומען שטאַרבען פאַר גאָר נישט, און דער קלוגער מענש וואָרנט מיר אַז דאָס לעבען איז נאָר אַ טהוי־טראָפּען אויף אַ פלאַנץ־בלעטעל.

זאָל איך דאָס אַלעס פערנאַכלעסיגען אום אַרויסצוקוקען נאָך איינער וואָס האָט אויסגעקעהרט איהר רוקען צו מיר?

דאָס וואָלט זיין גרויזאַם און נאַריש וואָרום דיא צייט איז קורץ.

דאַרום, קומט, מיינע רעגענדיגע נעכט מיט אייערע רעגענשמייסענדיגע פיס; שמייכעל, מיין גאָלדענער

הערבסט; קום, דוא אונרוהיגער אפריל, צואווארפענד דיינע קושען איבעראל.

קומט איהר אלע, און איהר, און דוא אויך!

מיינע געליעבטע, איהר ווייסט דאָך מיר זענען שטערבליכע. איז עס דען קלוג צו צובּרעכען איינעמ׳ס הארץ פיר דער איינער וואָס נעהמט איהר הארץ אוועק? ווארום דיא צייט איז קורץ.

עס איז זיס צו זיצען אין א ווינקעל פּערטיעפּט און שרייבּען אין גראַמען אז דוא בּיזט מיין גאנצע וועלט.

עס איז העלדיש צו הערומנעהמען איינעמ׳ס שמערץ און בּעשליסען ניט צו זיין געטרייסט.

אָבער א פרישער פּנים בעווייזט זיך אקעגען מיין טהיר און שטעלט אוים זיינע אויגען אויף מיינע.

איך קאָן מעהר ניט וויא אָבווישען מיינע טרערען און ענדערן דעם טאָן פון מיין ליעד.

וואָרום דיא צייט איז קורץ.

47

אויב דו זאָלסט דאָס ווילן, וועל איך אויפ־הערן מיין זינגען.

אויב עס מאַכט דיין האַרץ אונרוהיג, וועל איך אוועקנעהמען מיינע אויגען פון דיין פּנים.

אויב עס דערשרעקט דיך פּלוצלונג אין דיין שפּאַ־ציר, וועל איך אוועקגעהן אין אַ זייט און נעהמען אַן אַנדער וועג.

אויב עס פערפּלאָנטערט דיך אין דיין בלומען פלעכטען, וועל איך אויסמיידען דיין איינזאַמען גאָר־טען.

אויב עס מאַכט דאָס וואַסער שטיפעריש און ווילד, וועל איך ניט רודערן מיין שיפעל ביי דיין ברעג.

48

בעפריי מיך פון דיא קייטען פון דיין זיסקייט, מיין ליעבסטע! גיב מעהר ניט פון דעם ווייַן פון קושען.

דיעזער נעבעל פון שווערע ערביטערונג ערשטיקט מיין הארץ.

צועפען דיא טהירען, מאך פלאץ פאר דעם מאָרגען ליכט.

איך בין פערלוירען אין דיר, ווען איך בין איינגע־וויקעלט אין דיא פאלבען פון דיינע אומארמונגען.

בעפריי מיך פון דיינע צויבערן, און גיב מיר צוריק דיא העלדישקייט דיר צו אָפּפערן מיין בעפרייעטעס הארץ.

49

איך האלט איהרע הענט און דריק זיא צו מיין ברוסט.

איך פרוב אנפילען מיינע ארעמס מיט איהרע ליעב־ליכקייט, צו פלינדערן איהר זיסען שמייכעל מיט קושען, צו טרינקען איהרע טונקעלע בליקען מיט מיינע אויגען.

אך, אבער, וואו איז דאס? ווער קאן דורכזעהן דיא בלויקייט פון דעם הימעל?

איך פרוב צו אנכאפען דיא שעהנקייט, און עס ווענדט זיך אפ פון מיר, איבערלאזענדיג דעם קערפער בלויז אין מיינע הענט.

בעטריעגט און מיעד קום איך צוריק.

וויא קאן דער קערפער בעריהרען דיא בלום וואס נאר דער גייסט מעג אנריהרען?

50

ליעבסטע, מיין הארץ בענקט טאָג און נאכט פיר דער בעגעגעניש מיט דיר — פיר דער בעגעגעניש וואָס איז וויא דער אלעס־פערשלינגענדער טויט.

קעהר מיך אוועק וויא א שטורם; נעהם אלעס וואָס איך האָב; ברעך אויף מיין שלאָף און פלינדער מיינע חלומות. בערויב מיר פון מיין וועלט.

אין יענער פערוויסטונג, אין דער גאנצער נאקעט־קייט פון גייסט, לאָמיר ווערען איינס אין שעהנ־הייט.

אך ווערה אויף מיין אומזיסטען פערלאנג! וואו איז דען אזא האָפענונג אויף פעראייניגונג א חוץ אין דיר, מיין גאָט?

51

דאמאָלס ענדיג דאס לעצטע ליעד און לאָז אונז זיך שיידען.

פארגעס דיזע נאכט ווען דיא נאכט איז שוין ניט מעהר.

וועמען פרוב איך דאָס ארומנעהמען אין מיינע ארעמס? חלומות קאָן מען קיין מאָל ניט פאנגען.

מיינע אייפעריגע הענד דריקען ליידיגקייט צו מיין הארצען און עס פערוואונדעט מיין ברוסט.

52

וואָרום איז דאַס לעמפּעל אויסגעגאַנגען?

איך האָב דאָס פאַרשטעלט מיט מיין קלייד צו בעשיצען עס פון ווינד, דאָס איז וואָרום דאָס לעמפּעל איז אויסגעגאַנגען

וואָרום האָט דיא בלום פאַרוועלקט?

איך האָב זיא געדריקט צו מיין הארצען מיט נייגירדער ליעבע, דאָס איז וואָרום דיא בלום האָט פאַרוועלקט.

וואָרום האָט דער שטראָם אויסגעטריקענט?

איך האָב געגען איהם געלייגט א וואַנט צו האָבען איהם פאַר מיין נוץ, דאָס איז וואָרום דער שטראָם האָט אויסגעטריקענט.

וואָרום האָט זיך דיא האַרפען־סטרונע צובראָכען?

איך האָב געפּרובט צו אַרויסברייגען א טאָן וואָס איז געוועזען איבער איהר קראַפט, דאָס איז וואָרום דיא האַרפען־סטרונע איז צובראָכען.

53

וואָרום פערשעהמסטו מיר מיט א קוק ?

איך בין ניט געקומען וויא א בעטלער.

בלויז פיר א פערבייגעהענדע שטונדע בין איך געשטאנען ביי דעם ענד פון דיין הויף דרויסען פון דעם גאָרטען'ם פערצאמונג.

וואָרום פערשעהמסטו מיר מיט א קוק?

קיין איין רויז האָב איך ניט געזאמעלט פון דיין גארטען, קיין איין פרוכט האָב איך ניט אָבגעריסען.

איך האָב בעשיידען זיך בעשיצט אונטער דעם שאָטען פון דעם זייט־וועג וואו יעדער פרעמדער רייזענדער מעג שטעהן.

קיין איין רויז האָב איך ניט אָבגעריסען.

יאָ, מיינע פים זענען געוועזען מיעד, און דער גום פון רעגען איז אראָפּ.

דיא ווינטען האָבען ארויסגעשריען צווישען דיא שאָקלענדע באמבוס צווייגען.

דיא וואָלקענס זענען געלאָפען איבער'ן הימעל
גלייך וויא זיי וואָלטען אנטלאָפען פון א ניעדער־
לאגע.
מיינע פיס זענען געוועזן מיעד.

איך וויים ניט וואָס דוא האָסט געטראכט פון מיר
אָדער פאר ווּעמען דוא האָסט געווארט ביי דיין
טהיר.
שטראהלען פון ליכט האָבען פערבלענדעט דיינע
וואכענדע אויגען.
וויא אזוי האָב איך געקאָנט וויסען אז דוא האָסט
מיר געקאָנט זעהן וויא איך בין געשטאנען אין דער
פינסטער?
איך וויים ניט וואָס דוא האָסט געטראכט פון מיר.

דער טאָג איז געענדיגט, און דער רעגען האָט אויף
א ווײַלע אויפגעהערט.
איך לאָז איבער דעם שאָטען פון דעם בוים ביים
גראָז.
עס איז פינסטער געוואָרען; פערמאך דיין טהיר;
איך געה מיר מיין וועג.
דער טאָג איז געענדיגט.

54

וואוהין איילסטו זיך מיט דיין קאָשעק אין דיעזער שפּעטער שטונד ווען דער מארק איז שוין אריבער?

זיי זענען שוין אלע אהיים געקומען מיט זייערע קלימעקעס; דיא לבנה בעוויזט זיך שוין איבער דעם דאָרפ'ס בוימער.

דיא עכאָס פון דיא שטימען וואָס רופען דיא פערה־רע לויפען איבער דעם פינסטערן וואסער צו דעם ווייטען זומפּ וואו ווילדע קאטשקעס שלאָפען.

וואוהין איילסטו זיך מיט דיין קאָשעק ווען דער איינקויף איז שוין אריבער?

דער שלאָף האָט אוועקגעלייגט זיינע פינגער אויף דיא אויגען פון דער ערד.

דיא נעסטען פון דיא קראָען זענען פערשטילט געוואָרען, און דאס מורמלען פון דיא באמבוס בלע־טער איז אנשוויגען געוואָרען.

דיא ארבייטער אהיים קומענדיג פון זייערע פעל־דער פארשפרייטען זייערע ראגאָזשעס אין דיא הויפען.

וואוהין איילסטו זיך מיט דיין קאָשעק ווען דער איינקויף איז שוין אריבער?

55

עס איז שוין געווען האלבער־טאָג ווען דוא ביזט אוועק געגאנגען.

דיא זון האָט שטארק געשיינט אין דעם הימעל.

איך האָב אָבגעטון מיין ארבייט און בין געזעסען אליין אויף מיין באלקאָן ווען דוא ביזט אוועק גע־גאנגען.

אונרוהיגע ווינד־שטויסען זענען געקומען בלאָנ־זשענדיג דורך דיא ריחות פון דיא ווייטע פעלדער.

דיא טויבען האָבען זיך מיעדלאָז געלאסטשעט אין דעם שאָטען, און א ביהן האָט פארבלאָדזשעט אין מיין־צימער זשומענדיג דיא נייעסען פון דיא ווייטע פעלדער.

דער דאָרף איז געשלאָפען אין דער מיט־טאָג'דיגער היץ. דער וועג איז געלעגען פארלאָזען.

אין פלוצלונגע אויסברוכען איז דאָס שאָרכען פון דיא בלעטער אויפגעגאנגען און אָבגעשטאָרבען.

איך האָב געקוקט צום הימעל און האָב געוועבט אין דער בלויקייט דיא בוכשטאבען פון א נאָמען

וואָס איך האָב געוואוסט, ווערענד דער דאָרף איז
געשלאָפען אין דער מיט־טאָג'דיגער היץ.

איך האָב פארגעסען צו פארפלעכטען מיינע האָר.
דאס שוואכע ווינטעל האָט זיך געשפּיעלט דערמיט
אויף מיין האלז.

דער טייך איז זיך געפלאָסען רוהיג אונטער דעם
שאָטענדיגען ברעג.

דיא פוילע ווייסע וואָלקענס האָבען זיך ניט בע־
וועגט.

איך האָב פארגעסען צו פארפלעכטען מיינע האָר.

עס איז שוין געווען האלבער טאָג ווען דיא ביזט
אוועק געגאנגען.

דער שטויב פון דעם וועג איז געוועזען הייס און
און דיא פעלדער ביינקענדיג.

דיא טויבען האָבען זיך געלאָסטשעט צווישען דיא
געדיכטע בלעטער.

איך בין געוועזען אליין אויף מיין באלקאָן ווען דוא
ביזט אוועק געגאנגען.

56

איך בין געוועזן איינער צווישען פיעלע פרויען פארנומענע מיט דיא אונבעקאנטע טעגליכע ארבייטען פון דער הויז־ווירטהשאפט.

ווארום האט איהר מיר אויסגעזונדערט און מיר ארויסגעבראכט פון אונטער דעם קיהלען דאך פון אונזער געמיינשאפטליכען לעבען?

דיא ליעבע וואס איז ניט אויסגעדריקט איז הייליג. עס שיינט וויא עדעלשטיינער אין דער דונקעלהייט פון דעם בעהאלטענעם הארצען. אין דעם ליכט פון דעם נייגירדען טאג קוקט עס אויס מיטלייד פינסטער.

אך דוא האסט דורכגעבראכען דעם צודעק פון מיין הארצען און ארויסגעשלעפט מיין ציטערנדע ליעבע אין דעם אפענעם ארט, פערניכטענדיג אויף עביג דעם שאטענדיגען ווינקעל וואו עס האט בעזארגט איהר נעסט.

דיא אנדערע פרויען זענען דאס זעלבע וואס אימער.

קיינער האָט ניט הערייננעקוקט אין זייער אינערן וועזען, און זיי אליין ווייסען ניט זייער אייגענעם סוד.

לייכט שמייכלען זיי, און וויינען, פלוידערן און אר־ ביימען. טעגליך געהן זיי אין טעמפעל, צינדען אָן זייערע לאָמפען, און שעפּפען וואסער פון דעם טייך.

איך האָב געהאָפט מיין ליעבע וועט זיין בעוואָ־ רענט פון דער ציטערנדער פארשעהמטקייט פון דעם שוצלאָזען, אָבער דוא קעהרסט אוועק דיין פנים.

יאָ, דיין וועג ליגט אָפען פאר דיר, נאָר דוא האָסט אָפּגעשניטען מיין צוריק־קעהר, און מיר איבערגע־ לאָזט שטרייפיג נאַקעט פאר דער וועלט מיט איהרע אָפּגעדעקטע אויגען ווילד אנקוקענדיג נאכט און טאָג.

57

איך האָב געריסען דיין בלום, אָ וועלט!

איך האָב עס געדריקט צו מיין הארצען און דער דאָרן האָט געשטאָכען.

ווען דער טאָג איז בלאס געוואָרען און איז געוואָרען פינסטער, האָב איך געפונען דעם בלום פארוועלקט, נאָר דער שמערץ איז איבערגעבליבען.

נאָך מעהר בלומען וועלען צו דיר קומען מיט פערפיום און שטאָלץ, אָ וועלט!

נאָר מיין צייט פאר בלומען־קלייבען איז אריבער, און דורך דער גאנצער פינסטערער נאַכט האָב איך נים מיין רויז, דער שמערץ אליין בלייבט איבער.

58

איין מאָל גאנץ פריה אין דעם בלומען גאָרטען איז א בלינדע מיידעל געקומען מיר אָנבאָטען א בלומען קייטעל אין דעם צודעק פון א פלאנץ־בלע־טעל.

איך האָב עס אָנגעטהון ארום מיין האלז, און טרע־רען האָבען זיך בעוויזען אין מיינע אויגען.

איך האָב איהר געקושט און געזאָגט, „דוא ביזט בלינד גראדע אזוי וויא דיא בלומען זענען“.

„דוא אליין ווייסט ניט וויא שעהן עס איז דיין מתנה.“

59

אך פרוי, דוא ביזט ניט בלויז דאס האנד־ווערק פון גאָט, נאָר אויך פונ׳ם מענשען; דיזע בעשענקען דיר שטענדיג מיט שעהנקייט פון זייערע הערצער.

דיא פּאָעטען וועבען פאר דיר א געוועב מיט פּער־דימער פון גאָלדענער איינבילדונג; דיא מאָהלערם גיבען דיר דעם פאָרם פון אימער נייער אונשטערב־ליכקייט.

דער ים גיט דיר זיינע פּערעל, די מינען זייער גאָלד, דיא זומער גאָרטענס זייערע בלומען צו בעפוצען דיך, צו בעדעקען דיך, צו מאכען דיר אלץ שעהנער.

דער בעגעהר פון דיא מענשענ׳ס הערצער האָט צוגאָסען זיין פּראכט איבער דיין יוגענד.

דוא ביזט איין העלפט פרוי און איין העלפט טרוים.

60

צווישען דעם געלויף און דעם רעש פון לעבען, א שעהנהייט, אויסגעשניצט אין שטיין, שטעהסט דוא שטום און שטיל, אליין און פון ווייטענס.

די גרויסע צייט זיצט פערליעבט ביי דיינע פיס און מורמעלט:

„רעד, רעד צו מיר, מיין ליעבע; רעד, מיין כלה!“

נאָר דיין שפראך איז פערשלאָסען אין שטיין, א אונבעוועגליכע שעהנהייט!

61

רוה, מיין הארץ, לאָז דיא צייט פאר דער שיידונג זיין זים.

לאָז עס ניט זיין קיין טויט נאָר א פאָלקאָמענהייט.

לאָז דיא ליעבע צושמאָלצען ווערען אין ערהאינער־רונג און דער שמערץ אין ליעדער.

לאָז דעם פליה דורך דעם הימעל זיך ענדיגען אין דעם צוזאמענלעגען פון דיא פליגלען איבער דעם נעסט.

לאָז דעם לעצטען ריהר פון דיינע הענט זיין צארט וויא דיא בלום פון דער נאכט.

שטעה שטיל, א שעהנער סוף, פאר אן אויגענבליק, און זאָג דיינע לעצטע ווערטער אין דער שטיל.

איך בוק זיך צו דיר און האלט מיין לעמפעל צו בעלייכטען דיר דיין וועג.

62

אין דעם דונקלען וועג פון א חלום בין איך געגאנ־גען זוכען דיא ליעבע וואָס איז געוועזען מיינע אין א פריהערדיגען לעבען.

איהר הויז איז געשטאנען ביים סוף פון אן איינ־זאמער גאס.

אין דעם אבענדיגען ווינטעל איז איהר ליעבלינג פאווע געזעסען שלעפעריג אויף איהר שטאנג, און דיא טויבען זענען געוועזען שטיל אין זייער ווינקעל.

זיא האָט אוועקגעשטעלט איהר לאָמפּ ביי דעם העריינגאנג און איז געשטאנען פאר מיר.

זיא האָט אויפגעהויבען איהרע גרויסע אויגען צו מיין פנים און האָט שטום געפרעגט, ביזטו וועל־קאָמען מיין פריינד?"

איך האָב פערזוכט צו ענטפערן, נאָר אונזער שפראך האָט זיך פערלוירען און פארגעסען.

איך האָב געטראכט און געטראכט; אונזערע נעמען זענען ניט געקומען צו מיין גדאנק.

טרעהרען האבען געפינקעלט אין איהרע אויגען. זיא האט מיר דערלאנגט איהר רעכטע האנט. איך האב זיא אנגענומען און בין געשטאנען שטיל.

אונזער לאמפ האט זיך געטרייסעלט אין דעם אבענדיגען ווינטעל און איז אזוי ארום געשטארבען.

63

רייזענדער, מוזט דוא געהן?

דיא נאכט איז שטיל און דיא פינסטערניס פאלט אין אונמאכט איבערן וואלד.

דיא לאַמפּען זענען ליכטיג אין אונזער באַלקאָן, דיא בלומען זענען אלע פריש, און דיא יוגענדליכע אויגען וואכען נאָך אלץ.

איז דיא צייט פאר דיין שיידונג געקומען?
רייזענדער, מוזט דוא געהן?

מיר האָבען ניט געבונדען דיינע פיס מיט אונזערע בעטענדע ארעמס.

דיינע טהירען זענען אָפען. דיין פערד שטעהט געזאַטעלט ביי דעם טויער.

אויב מיר האָבען געפּרובט צו פערצאמען דיין וועג איז דאָס נאָר געווען מיט אונזערע ליעדער.

האָבען מיר וועז געפרובט דיך אָבהאלטען צוריק איז דאָס נאָר געווען מיט אונזערע אויגען.

רייזענדער, מיר זענען הילפלאָז דיר צו האלטען. מיר האָבען נאָר אונזערע טרעהרען.

וואָס פאר אן אונאויסלעשליך פייער גליהט אין דיינע אויגען?

וואָס פאר אן אונרוהיגער פיבער לויפט ארום אין דיין בלוט?

וועלכער רוף פון דער פינסטער טרייבט דיך?

וואָס פאר א געפעהרליכער בעצויבערונג האָסטו געלעזען צווישען דיא שטערן אין הימעל, וואָס דיא נאכט איז מיט א פערזיגעלט בעהאלטענער שליחות אריין אין דיין הארצען, שטיל און מאָדנע?

אויב דוא זאָרגסט זיך ניט פיר פרעהליכע בעגעגעניסען, אויב דוא מוזט האָבען רוהע, בעטריעבטעס הארץ, וועלען מיר פארלעשען אונזערע לאָמפען און פערשטילען אונזערע הארפעס.

מיר וועלען זיצען אין דער פינסטער אין דעם גערויש פון דיא בלעטער, און דיא מיעדע לבנה וועט אראָבגיסען בלאסע שטראלען אויף דיין פענסטער.

אך רייזענדער, וואָסער שלאָפלאָזער גייסט האָט דיך אנגעריהרט פון דעם הארץ פון דער מיט־נאכט?

64

איך האָב פֿערשוועגדט מיין טאָג אויף דעם צו־טריקענטען הייסען שטויב פֿון דעם וועג.

אצינד אין דער קיהלקייט פֿון דעם אבענד, קלאפּ איך אין דער טהיר פֿון דער גאסט־הויז. עס איז פֿארלאָזען און פֿערוויסטעט.

א גרימיגער אשאטען בוים פֿערשפּרייט זיינע הונ־געריגע אנגרייפֿענדע וואָרצלען דורך דיא צועפּענטע שפּאלטען פֿון דער וואנד.

עס זענען א מאָל טעג געוועזן ווען פֿערבייפֿאָהרער פֿלעגען קומען אהער צו אָבוואשען זייערע מיעדע פֿיס.

זיי האָבען פֿערשפּרייט זייערע ראגאָזשעס אינם הויף אין דעם דונקלען ליכט פֿון דער אָנקומענדער לבנה, און זענען געזעסען און גערעדט פֿון פֿרעמדע לענדער.

זיי האָבען ערוואכט ערפֿרישט אין דעם מאָרגען ווען פֿויגעלעך האָבען זיי פֿרעהליך געמאכט, און פֿריינדליכע בלומען האָבען געשאָקעלט מיט זייערע קעפּ צו זיי פֿון דעם זייט־וועג.

אָבער קיין אנגעצונדענער לאָמפּ האָט מיר ניט ערוואַרטעט ווען איך בין געקומען אהער.

די שוואַרצע פלעקען פון רויך איבערגעלאָזט פון פילע פאַרגעסענע אבענד לאָמפּען אויסקוק, ווי בלינדע אויגען פון דער וואַנד.

פייער פליגעלעך זענען ארומגעפלויגען אין דעם קוסטאַרניק נעבען דעם אויסגעטריקענטען טייכעל, און די באַמבוס צווייגען האָבען געוואָרפען זייערע שאָטענס אויף דעם גראָז פערוואַקסענעם וועג.

איך בין דער גאַסט פון קיינעם ביי דעם סוף פון מיין טאָג.

די לאַנגע נאַכט איז פאַר מיר און איך בין מיעד.

65

איז דאָס ווידער אמאָל דיין רוף?
דער אבענד איז געקומען. די מידיגקייט קלעפּט
זיך ארום מיר ווי די ארמס פון בעטלענדיגער
ליעבע.
רופסט דו מיך?

איך האָב מיין גאנצען טאָג אוועקגעגעבען פאר
דיר, גרויזאמע הערין, מוזטו מיר אויך בערויבען
פון מיין נאכט?
ערגעץ וואו איז דאָ א סוף צו יעדער זאך, און די
איינזאמקייט פון דער פינסטערניס איז איינעם'ס
אליין.
מוז דיין שטים עס דורכשניידען און מיר צושטוי-
סען?

האָט דער אבענד ניט קיין שלאָף מוזיק ביי דיין
טויער?
טהוען די שטיל-פליהענדע שטערן קיין מאָל ניט
בעשטייגען דעם הימעל איבער דיין אונבארעמ-
הערציגען טהורם?

פאלען קיין מאָל ניט דיא בלומען אויף דעם שטויב אין א רוהיגען טויט אין דיין גאָרטען?

מוזטו מיך רופען, דוא אונרוהיגע איינע?

דאן לאָז דיא טרויעריגע אויגען פון ליעבע אייטעל־דיג וואכען און וויינען.

לאָז דעם לאָמפ ברענען אין דער איינזאמער הויז.

לאָז דער איבערפיהר־שיף נעהמען דיא מיעדע אר־בייטער צו זייער היים.

איך לאָז הינטען מיינע חלומות און איך אייל זיך צו דיין רוף.

66

א וואנדערנדער משוגענער האָט געזוכט דעם פראָביר־שטיין, מיט צופלאָכטענע לאָקען, שווארץ־ברוין און פערשטויבט, און א קערפער עהנליך צו א שאָטען, זיינע ליפען שטארק צוגעדריקט, וויא דיא פערמאכטע טהירען פון זיין הארצען, זיינע ברענענ־דיגע אויגען וויא דאס ליכט פון א גלוטהיגען־וואָרם וואָס זוכט זיין געזעלין.

פאר איהם האָט גערוישט דער ענדלאָזער אָקעאן.

דיא פלוידערישע וועהלען האָבען אונאויפהערליך גערעדט פון בעהאלטענע אוצרות, און האָבען חוזק געמאכט פון דיא אונוויסענדע וואָס האָבען ניט גע־וואוסט זייער בעדייטונג.

פיליייכט האָט ער שוין איצט ניט געהאָפט צו פער־בלייבען, דאָך וואָלט ער ניט גערוהט, ווייל דיא זוכע־ניש איז געוואָרען זיין לעבען,—

פונקט וויא דער אָקעאן הויבט פאר עביג זיינע ארמס צום הימעל פאר דעם אונעררייכבארען —

פונקט וויא דיא שטערן בעוועגען זיך אין קרייזען, דאָך זוכען זיי א פונקט וואָס קאָן קיין מאָל ניט דערגרייכט זיין —

פונקט אזוי האָט ביי דעם אומעדיגען ברעג דער משוגענער מיט דיא פארשטויבטע שווארץ ברוינע לאָקען זיך אלץ הערומגעטריבען און האָט געזוכט דעם פראָביר־שטיין.

איין מאָל אין א טאָג איז א דאָרפס יונגעל געקומען און געפרעגט, „דערצעהל מיר, וויא אזוי ביזטו גע־קומען צו דיזער גאָלדענער קייט ארום דיין גארטעל?“

דער משוגענער האָט אָנגעפאנגען — דיא קייט וואָס איז אמאָל געוועזען אַן אייזערנע איז ווירקליך געוועזען א גאָלדענע; עס איז ניט געוועזען קיין חלום, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווען עס האָט זיך פאר־ענדערט.

ער האָט זיך ווילד א קלאפּ געטהון אין שטערען— וואו, אך וואו האָט ער אונבעוואוסטערהייד דער־גרייכט דעם ערפאָלג?

עס איז ביי איהם געוואָרען א געוואוינהייט, צו אויפקלייבען זאמד־שטיינדלען און בעריהרען דיא קייט, און זיי אוועקווארפען ניט קוקענדיג צו זעהן

אויב עס וועט קומען א פּערענדערונג; און אזוי האָט דער משוגענער געפונען און פערלאָרען דעם פּראָביר־שטיין.

דיא זון האָט נידעריג געזונקען אין מערב זייט, דער הימעל איז געוועזען פון גאָלד.

דער משוגענער האָט זיך אומגעקעהרט אויף זיינע פוס־טריט צו זוכען פון דאָס נייַ דעם פערלוירענעם אוצר, מיט זיין קראַפט פערלוירען, זיין קערפּער געבויגען, און זיין הארץ אין שטויב, וויא אן אויסגעוואָרצעלטער בוים.

67

אבוואָהל דער אבענד קומט מיט לאנגזאמע טריט און בעפעהלט אלע ליעדער צו אויפהערען;

אבוואָהל דיינע בעגלייטער זענען אוועק צו זייער רוה און דוא ביזט מיעד;

אבוואָהל דער שרעק מעהרט זיך אין דער פינס־טערניס און דער פנים פון דעם הימעל איז פארשלייערט;

דאָך, פויגעלע, א מיין פויגעלע, הער זיך צו מיר צו. ניט פערמאך דיינע פליגעלעך.

דאָס איז ניט דיא דונקעלהייט פון דיא בלעטער פונ'ם וואלד, דאָס איז דער ים אָנגעשוואָלען וויא א דונקעל שווארצער שלאנג.

דאָס איז ניט דער טאנץ פון דער בלומענדיגער פלאנץ, דאָס איז דער פינקלענדיגער שוים.

אך, וואו איז דער זוניג גרינער ברעג, וואו איז דיין נעסט?

פויגעלע, אָ מיין פויגעלע, הער זיך צו מיר צו, ניט פערמאך דיינע פליגעלעך.

דיא איינזאמע נאכט ליגט ביי דיין וועג, דאס טאָגען שלאָפט הינטער דיא שאָטענדיגע בערג.

דיא שטערן האלטען זייער אטהעם צעהלענדיג דיא שטונדען, און דיא שוואכע לבנה איבערשווימט דיא טיעפע נאכט.

פויגעלע, אָ מיין פויגעלע, הער זיך צו מיר צו, ניט פערמאך דיינע פליגעלעך.

עס איז ניטאָ קיין האָפענונג, און קיין מורא פאר דיר.

עס איז ניטאָ קיין וואָרט, קיין רויש, קיין געשריי.

עס איז ניטאָ קיין היים, קיין בעט צום רוהען.
עס איז נאָר דאָ דיינע אייגענע פאָר פליגעלעך און דער ניט אויסגעטראָטענער הימעל.

פויגעלע, אָ מיין פויגעלע, הער זיך צו מיר צו, ניט פערמאך דיינע פליגעלעך.

68

קיינער לעבט ניט אויף עביג, ברודער, און קיין זאך דויערט לאנג. האלט דאס אין געדאנק און פרעה זיך.

אונזער לעבען איז ניט דער איינציגער אלטער יאך, אונזער וועג איז ניט דיא איינציג ווייטע רייזע.

איין איינציגער דיכטער האט ניט צו זינגען איין אלטען ליעד.

דיא בלום פארוועלקט און שטארבט; נאר דער וואס טראגט דיא בלום האט ניט צו טרויערן נאך דעם אויף עביג.

ברודער, האלט דאס אין געדאנק און פרעה זיך.

עס מוז קומען א גאנצער אבשטעל צו פעראייניגען פאלקאמענהייט אין מוזיק.

דאס לעבען שמאכטעט נאך זיין זונען-אונטערגאנג דערטרונקען צו ווערען אין דיא גאלדענע שאטענס.

דיא ליעבע מוז גערופען ווערען פון איהר שפיעל

צו טרינקען שמערץ און ווערען אוועקגעטראַגען צו דעם הימעל פון טרעהרען.

ברודער, האלט דאָס אין געדאנק און פרעה זיך.

מיר איילען זיך צו קלייבען אונזערע בלומען טאָמער וועלען זיי ווערען אוועקגערויבט פון דיא פערבייגעהענדע ווינדען.

עס טרייבט אָן אונזער בלוט און מאכט ליכטיג אונזערע אויגען צו כאפען קושען וואָס וואָלטען פערשוואונדען אויב מיר וואָלטען זיי אָבגעלייגט.

אונזער לעבען איז היציג, אונזערע פערלאנגען זענען שטארק, ווייל דיא צייט קלינגט אויף דעם גלאָק פון צושיידונג.

ברודער, האלט דאָס אין געדאנק און פרעה זיך.

עס איז ניטאָ קיין צייט פאר אונז צו אומארמען א זאך און עס צודריקען און עס פערווארפען אין דעם שטויב.

דיא שטונדען פאָהרען שנעל אוועק, בעהאלטענדיג זייערע חלומות אין זייערע פאָלעס.

אונזער לעבען איז קורץ, עס פערשאפט נאָר איינציגע טעג פון ליעבע.

וואָלט עס נאָר געווען צו ארבייטען און צו פראצע־ווען וואָלט דאָס געווען ענדלאָז לאנג.

ברודער, האלט דאָס אין גדאנק און פרעה זיך.

שעהנהייט איז אונז זיס, ווייל זיא טאנצט נאָך דעם זעלבען פארגעהענדען טאָן מיט אונזערע לע־בענס.

וויסען איז אונז טהייער, ווייל מיר וועלען קיין צייט ניט האָבען דאָס צו פארפולשטענדיגען.

אלעס ווערט געטהון און געענדיגט אין דעם עביגען הימעל.

נאָר דער ערד׳ס בלומען פון איינבילדונג ווערען געהאלטען עביג פריש מיט׳ן טויט.

ברודער, האלט דאָס אין גדאנק און פרעה זיך.

69

איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש.

איהר מעגט שמייכלען, מיינע פריינד, נאָר איך לויף נאָך דעם חלום וואָס פערמיידט מיר.

איך לויף איבער בערג און טהאָלען, איך וואנדער איבער פרעמדע לענדער — ווייל איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש.

איהר קומט און קויפט אין דעם מארק און געהט צוריק צו אייערע היימען אָנגעלאָדען מיט סחורות. נאָר דער צויבער פון דיא היימלאָזע ווינדען האָט מיר אָנגעריהרט איך וויים ניט ווען און וואו.

איך האָב קיין זאָרג ניט אין מיין הארצען; אלע מיינע פערמעגענס האָב איך איבערגעלאָזט וויט הינטער מיר.

איך לויף איבער בערג און טהאָלען, איך וואנדער איבער פרעמדע לענדער — ווייל איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש.

70

איך געדיינק א טאָג אין מיין קינדהייט איך האָב געלאָזט שווימען א פאפיר'ן שיפעל אין דעם גראָבען.

עס איז געווען א נאסער טאָג אין יולי; איך בין געווען אליין און פרעהליך מיט מיין שיפעל.

איך האָב שווימען געלאָזען מיין פאפירן שיפעל אין דעם גראָבען.

פלוצלונג זענען דיא שטורם וואָלקענס געדיכט געוואָרען, ווינדען זענען אָנגעפאלען, און דער רעגען האָט געגאָסען שטראָמענוויים.

טייכלעך פון בלאָטיגע וואסער זענען אָנגעלאָפען און האָבען אויפגעהויבען דעם שטראָם און געזונקען מיין שיפעל.

ביטערליך האָב איך זיך געטראכט אז דער שטורם איז געקומען אומיסטנע צו צושטערן מיין פרייד; זיין גאנצע בייזקייט איז געווען אקעגען מיר.

יענער וואָלקענדיג טאָג פון יולי איז שוין לאנג פערביי, און איך האָב שוין נאכגעטראכט איבער אלע

שפּיעלען פון לעבען וואו איך בין אלץ געווען דער פערלירער.

איך האָב בעשולדיגט מיין מזל פאר דיא פיעלע שפּיצלעך וואָס האָט געשפּיעלט מיט מיר. ווען פּלוצ־לונג האָב איך זיך דערמאָהנט אָן דעם פּאפּירן שיפעל וואָס איז פארזונקען אין דעם גראָבען.

71

דער טאָג איז נאָך ניט געענדיגט, דיא העלקייט איז נאָך ניט אריבער, דיא שעהנקייט ביי דעם ברעג־טייכעל.

איך האָב זיך געשראָקען אז מיין צייט איז שוין פארשוועגדעט און מיין לעצטער פעניג פערלוירען.

אָבער ניין, מיין ברודער, מיר איז נאָך אלץ עפּעס איבערגעבליבען. מיין מזל האָט מיר ניט בעטריגען אין אלעם.

דאָס פארקויפען און איינקויפען איז אריבער.

אלע שולדען פוןביידע זייטען זענען איינגעזאַמעלט געוואָרען, און עס איז צייט פאר מיר צו געהן אהיים.

אָבער, טויער־היטער, פערלאנגסטו דורכפיהר געלד?

ניט שרעק זיך, מיר איז נאָך אלץ עפּעס איבער־געבליבען, מיין מזל האָט מיר ניט בעטריגען אין אלעם.

ריא ווינעניש אין דעם ווינד דראָהעט א שטורם, און דיא אראָפּנידערענדע וואָלקענס אין מערב ציינען ניט קיין גוטס.

דאָס פערשטעקטע וואסער ווארט אויף דעם ווינד.

איך אייל זיך אריבער דעם טייך איידער דיא נאכט כאפּט מיר. אך שיפער, דוא ווילסט דיין לוין!

יא, ברודער, מיר איז נאָך אלץ עפּעס איבערגעבלי־בען, מיין מזל האָט מיר ניט בעטריגען אין אלעס.

אויפ'ן זייט־וועג הינטער דעם בוים זיצט דער בעט־לער. אך, ער קוקט אויף מיין פּנים מיט א שרעקענ־דיגער האָפנונג!

ער דענקט איך בין רייך פון דעם טאָג'ס פערדינסט.

יאָ, ברודער, מיר איז נאָך אלץ עפּעס איבערגעבלי־בען מיין מזל האָט מיר ניט בעטריגען אין אלעס.

דיא נאכט ווערט פינסטער'ער און דער וועג איינ־זאם. פייער פליגעלעך פינקלען צווישען דיא בלע־טער.

ווער זייט איהר וואָס פאָלגט מיר נאָך מיט פער־גנב'ט שטילע טריט?

אָך, איך ווייס, עס איז אייער פערלאַנג מיר בע־רויבען פון אַלע מיינע פערדינסטען. איך וויל אייך ניט ענטווישען.

ווייל מיר איז נאָך אַלץ עפּעס געבליבען, און מיין מזל האָט מיר ניט בעטריגט אין אַלעם.

האַלבע נאַכט קום איך אַהיים. מיינע הענט זענען לעדיג.

דוא וואַרטעסט מיט נייגירדע אויגען ביי מיין טהיר, שלאָפלאָז און שטיל.

אַזוי וויא אַ שרעקעדיג פויגעלע פליהסטו צו מיין ברוסט מיט אייפעריגער ליעבע.

געוויס, געוויס, מיין גאָט, פיעל בלייבט נאָך אַלץ. מיין מזל האָט מיר ניט בעטריגען אין אַלעם.

72

מיט טעג פון שווערע מאטערנים האב איך אויפ־
געשטעלט א טעמפעל. עס האט נים געהאט קיין
טהירען אדער פענסטער, זיינע ווענט זענען שטארק
געבויעט געווען מיט מאסיווע שטיינער.

איך האב פארגעסען אויף אלעס, איך האב אויסגע־
מידען דיא גאנצע וועלט, איך האב געקוקט מיט ענט־
ציקענדער בעטראכטונג אויף דעם בילד וואס איך
האב אויף דעם אלטאר.

אינוויינינ איז דארט שטענדיג געוועזען נאכט, און
בעלויכטען מיט דיא פייערן פון שמעקענדיגען אייל.

דאס אונאויפהערליכע רויכען פונ׳ם וויירויך האט
ערומגעדרעהט מיין הארץ אין זיינע שווערע קנוי־
לען.

שלאפלאז, האב איך אויסגעשניצט אין דיא ווענט
פאנטאסטישע פיגורען און פערפלאנטערט צומישטע
ליניען — געפליגעלטע פערד, בלומען מיט מענשליכע
פנים׳ער, פרויען מיט גליעדער וויא ביי שלענג.

קיין דורכגאנג איז אין ערגעץ נים איבערגעלאזט
געווארען דורך וועלכען עס וואלט געקאנט העריינ־

קומען דאס געזאנג פון פויגעלעך, דאָס שארכען פון בלעטער, אָדער דער גערויש פון דעם אונרוהיגען דאָרף.

דער איינציגער קול וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין זיין פינסטערער געביידע איז געוועזען פון דיא לויב תפילות וואָס איך האָב געזונגען.

מיין געדאנק איז געוואָרען שארפזיניג און שטיל וויא א שפּיציגער פלאם, מיינע חושים זענען פער־חלש'ט געוואָרען אין עקסטאז.

איך האָב ניט געוואוסט וויא דיא צייט איז פערביי ביז דער דינער־שטיין האָט צובראָכען דעם טעמפּעל, און א וועהטאָג האָט מיר דורכגעשטאָכען מיין הארץ.

דאס פייער האָט אויסגעקוקט בלאס און פאר־שעהמט; דיא פיגורען אויף דיא וועגט, וויא געבונ־דענע חלומות, האָבען ארויסגעקוקט זינלאָז אין דעם ליכט וויא זיי וואָלטען וועלען זיך בעהאלטען.

איך האָב געקוקט צום בילד אויפ'ן אלטאר. איך האָב דאָס געזעהן שמייכלען און בעלעבט מיט דער לעבעדיגער בעריהרונג פון גאָט. דיא נאכט וואָס איך האָב איינגעשפארט האָט אויסגעשפרייט איהרע פליגלען און איז פערשוואונדען.

73

דאס אונענדליכעס רייכטהום איז ניט דיינס, מיין קראנקע און פינסטערע מוטער ערד!

דוא בעמיהסט זיך אנצופילען דיא מיילער פון דיינע קינדער, נאר שפייז איז זעלטען פאראן.

דיא מתנה פון פרייד וואס דוא האסט פאר אונז איז קיין מאל ניט פאלקאמען.

דיא שפיעלצייגען וואס דוא מאכסט פאר דיינע קינדער זענען צובּרעכליך.

דוא קאנסט ניט צופריעדענשטעלען אונזערע אלע הונגעריגע האפנונגען, אבער זאל איך דיר דערפאר דען פערלאזען?

דיין שמייכעל וואס איז בעשאטענט מיט שמערץ איז זיס צו מיינע אויגען.

דיין ליעבע וואס ווייס ניט קיין ערפיהלונג איז טהייער צו מיין הארצען.

פון דיין ברוסט האסטו אונז געשפייזט מיט לעבען אבער ניט מיט אונשטערבליכקייט, דאס איז ווארום דיינע אויגען זענען עביג וואכעדיג.

פאר יאהרען לאנג ארבּייטסטו מיט פארבּ און

קלאנג, דאָך איז דיין הימעל ניט געבּויעט, בּלויז נאָר זיין טרויעריגע ווירקונג.

איבּער דיינע שאַפונגען פון שעהנהייט איז דער נעבּעל פון דיא טרעהרען.

איך וועל אריינגיסען מיינע ליעדער אין דיין שטור־מען הארצען, און מיין ליעבּע אין דיין ליעבּע.

איך וועל דיך דיענען מיט ארבּייט.

איך האָבּ געזעהן דיין צארטען פנים און איך ליעבּ דיין פינסטערן שטויבּ, מוטער ערד!

74

אין דער וועלט'ס פערזאמלונג זאאל, זיצט דאס איינפאכע בלעטעל גראָז אויף דעם זעלבען דעק מיט דעם זונען־שטראהל און דיא שטערן פון מיטען־נאכט.

אזוי צוטהיילען זיך מיינע ליעדער זייער בעזעצען זיך אין דאס הארץ פון דיא וואָלקענס און וועלדער.

אָבער, דוא מאן פון רייכטהימער, דיין רייכטהום האָט קיין חלק ניט אין דער איינפאכער פרעכטיג־קייט פון דער זון'ס פריידיגען גאָלד, און דעם זאנפ־טען פינקלען פון דער פערטראכטער לבנה.

דיא ברכות פון דעם אל־ארומנעהמענדען הימעל איז ניט צוגאָסען אויף דעם.

און ווען דער טויט ערשיינט, פערבלאסט עס און פארוועלקט און ווערט צוברעקעלט אין שטויב.

75

אום אלבע נאכט האָט דער וואָס וואָלט־וועלען־זיין אַן אסקעט אויסגערופען:

„דאָס איז דיא צייט צו אויפגעבען מיין היים און זוכען גאָט. אך, ווער האָט מיר דאָ געהאלטען אזוי לאנג אין בעטרוג?“

גאָט האָט געמורמעלט, „איך“, נאָר דיא אויערן פון דעם מאן זענען פערליינט געווען.

מיט א קינד איינגעשלאָפען ביי איהר ברוסט איז געלעגען זיין פרוי, רוהיג שלאָפענדיג אויף איין זייט פון דעם בעט.

דער מאן האָט געזאָגט, „ווער זייט איהר וואָס האָבען מיר גענאַרט אזוי לאנג?“

דיא שטים האָט ווידער אמאָל געזאָגט, „זיי זע־נען גאָט“, נאָר ער האָט דאָס ניט געהערט.

דאָס קינד האָט אויסגעשריען אין זיין חלום, טו־לענדיג זיך נאָהענט צו זיין מוטער.

גאָט האָט בעפוילען, „בלייב שטעהן, נאר. ניט פארלאָז דיין היים“, נאָר דאָך האָט ער ניט געהערט.

גאָט האָט א זיפץ געטהון און האָט געקלאָגט, „וואָרום וואנדערט מיין דיענער מיך צו זוכען, ווען ער פערלאָזט מיר?“

76

דער יריד איז געווען פאר דעם טעמפעל. עס האט גערעגנט פון פריה־מארגען און דער טאג האט זיך געענדיגט.

ליכטיגער פון אלע פריידען פון דער מענגע איז געוועזען דער ליכטיגער שמייכעל פון א מיידעל וואס האט געקויפט פאר א גראשען א פייפעלע פון פאל־מען בלעטער.

דיא דורכדרינגענדע פרייד פון יענעם פייפעלע האט געשוועבט איבער אלע געלעכטער און רוישען.

אן ענדלאזע מענגע פון מענשען זענען געקומען און האבען זיך געשטויסט צוזאמען. דער וועג איז געוועזען בלאטיג, דער טייך פערפלייצט. דער פעלד אונטער וואסער פון אונאויפהערענדען רעגען.

גרעסער פון אלע צרות פון דער מענגע איז געווע־זען א קליינעם אינגעל'ס צרות — ער האט ניט גע־האט קיין גראשען צו קויפען א געפארבטען שטע־קעלע.

זיינע פערלאנגענדע אויגען וואס האבען געקוקט צום קראם האבען געמאכט דיעזע גאנצע בעגעגעניש פון דיא מענשען זעהר רחמנות'דיג.

77

דער ארבייטס־מאן און זיין ווייב פון דעם מערב לאנד זענען בעשעפטיגט קנעטענדיג צו מאכען ציגעל פאר דעם ברען־אויווען.

זייער קליינע טאָכטער געהט צום לאנדעם אָרט ביים טייך; דאָרטען הערט זיא ניט אויף צו רייניגען און סקראָבען דיא טעפלעך און דיא פאנען.

איהר קליין ברידערל, מיט אן אָבגעגאָלטען קאָפּ און ברוין, נאקעט, און מיט בלאָטע־פארדעקטע גליעדער, פאָלגט איהר נאָך און ווארט געדולדיג אויף איהר בעפעהל אויפ'ן הויכען זאמד בערגעל.

זיא געהט צוריק אהיים מיט איהר פולען קריג איבערוועגט אויף איהר קאָפּ, דעם שיינענדיגען מעשענעם קאן אין איהר לינקער האנד, האלטענדיג דאס קינד מיט דער רעכטער — זיא דיא קליינע דיענערין פון איהר מוטער, בעהאלטען אין דעם יאָך פון דיא הויזליכע בעזאָרגענישען.

איין טאָג האָב איך געזעהן דיזען נאַקעטען יונגעל זיצענדיג מיט אויסגעשטרעקטע פּים.

אין דעם וואסער איז געזעסען זיין שוועסטער רייבענדיג א טרינק־קאַן מיט א הויפען ערד, דרעהענדיג דאָס ארום און ארום.

נאָהענט דערבּיי איז געשטאנען א ווייך־האָריגעס שעפּעלע און האָט געקוקט צום בּרעג.

עס איז צוגעקומען נאָהענט צום אָרט וואו דאס יונגעל איז געזעסען און האָט פּלוצלונג זיך צומעקעט אויפ׳ן קול, דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען און צושריען.

זיין שוועסטער האָט איבּערגעלאָזט דאס רייניגען איהר קאַן און איז ארויפגעלאָפען.

זיא האָט גענומען איהר בּרידערל אין איין האנט און דאס שעפּעלע אין דער אנדערער, און צוטהיילענדיג איהרע אומארמונגען צווישען זיי האָט זיא פערבּונדען אין איין בּאנד פון ליעבּע דיא פרוכט פון טהיער און מענש.

78

עס איז געווען אין מאי. דער שטיקענדיגער מיטטאג־צייט האט אויסגעזעהן ענדלאז לאנג. דיא פארטריקענטע ערד האט דורשטיג געגענעצט אין דער היץ.

ווען איך האב דערהערט פון דעם זייט־טייך א שטים רופענדיג, „קום, מיין ליעבלינג!“

איך האב פערמאכט מיין בוך און האב געעפענט דעם פענסטער ארויסצוקוקען.

איך האב דערזעהן א גרויסען בופעל־אקס מיט בלאטע־בעפלעקטער פעהל, שטעהענדיג נעבען טייך מיט געלאסענע, געדולדיגע אויגען; און א יונגלינג מיט קניען טיעף אין וואסער, האט איהם גערופען צו באדען זיך.

איך האב פריידיג געשמייכעלט און האב געפיהלט א זיסע בעריהרונג אין מיין הארצען.

79

איך וואונדער זיך אָפט וואו ליגט בעהאלטען דיא גרענעצען פון ערקענונג צווישען מענש און טהיער וועמענס הארץ עס פערשטעהט ניט קיין רעדעוודיגע שפראך.

דורך וועלכען אורשפּרינגליכען גן עדן אין א וויי־טען פריה מאָרגען פון דער שעפּפונג איז געלאָפען דער איינפאכער וועג דורך וועלכען זייערע הערצער האָבען זיך בעזוכט איינע דיא אנדערע.

יענע צייכענס פון זייערע בעשטענדיגע טריט זע־נען אָבגעמעקט געוואָרען אבוואהל זייער פערוואנד־שאפט איז שוין פון לאנג פארגעסען.

דאָך פּלוצלונג אין עטוואָס ווערטערלאָזער מוזיק ערוואכט דיא דונקעלע עראינערונג און דאס טהיער קוקט אריין אין דעם מענשענ׳ס פנים מיט א צאר־טער פערטרויאונג, און דער מענש קוקט דעם אן אין דיא אויגען מיט ערפרעהענדער ליעבע.

עס זעהט אויס אז דיאביידע פריינד האָבען זיך בעגעגענט פארשטעלט און קאָנען זיך אונבעשטימט דורך דער פערשטעלטקייט.

80

מיט א בליק פון דיינע אויגען וואָלסטו קאָנען אוועקרויבען דאס גאנצע פארמעגען פון ליעדער וואס זענען געשפּיעלט געוואָרען פון דעם דיכטער׳ס האר־פע, דוא עהרליך שעהנע פרוי!

אָבער פאר זייער לויב געזאנגען האסטו ניט קיין אויער, דעריבער קום איך צו לויבען דיך.

דוא וואָלסט געקאָנט ערנידעריגען צו דיינע פיס דעם שטאָלצסטען קאָפּ אין דער וועלט.

אָבער עס איז דיינע בעליעבטע, אונבעוואוסטע צום רוהם, וועמען דוא קלויבסט אוים צו דיענען, דעריבער דיען איך דיך.

דיא פאָלקאָמענהייט פון דיינע אָרמס וואָלטען צו־געגעבען שעהנהייט דער קעניגליכער פראכט מיט זייער ריהר.

אָבער דוא בענוצט זיי צו אָבקעהרען דעם שטויב, און צו מאכען ריין דיין בעשיידענע הויז, דעריבער בין איך אנגעפילט מיט עהרפורכט.

81

ווארום מורמעלסטו אזוי מוטהלאָז אין מיינע אויערען, אָ טויט, מיין טויט?

ווען דיא בלומען פאלען אראָפּ אין דעם אבענד און דיא פיה קומען צוריק צו זייערע שטאלען, קומסטו פערגנב׳עט צו מיין זייט און רעדסט ווערטער וואָס איך פערשטעה ניט.

איז עס דאָס וויא אזוי דוא מוזט זיך שדכ׳נען און מיר געווינען מיט דעם שלאָף־מעדיצין פון שלעפעריגען מורמלען און קאלטע קושען, אָ טויט, מיין טויט?

וועט דאָרט ניט זיין קיין פּרעכטיגע צערעמאָניע פאר אונזער חתונה?

וועסטו ניט אויסבינדען מיט א בלומען קראנץ דיינע שווארץ־ברוינע צוקודעלטע לאָקען?

איז דאָרט קיינער ניט צו טראָגען דיין פאָהן פאר דיר, און וועט דיא נאכט ניט זיין בעלויכטען מיט דיינע רויטע פאקעל־ליכט, אָ טויט, מיין טויט?

קום מיט דיין שאַלאַכץ־לירע שאלענדיג, קום אין דער שלאָפלאָזער נאכט.

בעקלייד מיך מיט אן רויט־פארביגען מאנטעל, גרייף אָן מיין האנט און נעהם מיך.

לאָז דיין קארעטע זיין גרייט ביי מיין טהיר מיט דיינע פערד הירזשענדיג אונגעדולדיג.

הויב אויף מיין שלייער און קוק שטאָלץ אויף מיין פנים, אָ טויט, מיין טויט!

82

מיר דארפען שפּיעלען דעם טויטען שפּיעל היינט בּיי נאכט, מיין כלה און איך.

דיא נאכט איז שווארץ, דיא וואָלקענס אין הימעל זענען קאפּריזנע, און דיא וועהלען פלוידערן אין ים.

מיר האָבּען איבּערגעלאָזט אונזער געלעגער פון חלומות, צועפּענט דיא טהיר און ארויסגעקומען, מיין כלה און איך.

מיר זיצען אויף א הוידעלקע, און דיא שטורם ווינ־דען גיבּען אונז א ווילדען שטויס פון הינטען.

מיין כלה שפּרינגט אויף מיט שרעק און פערגניגען, זיא ציטערט און נייגט זיך צו מיין בּרוסט.

לאַנג האָבּ איך איהר צערטליך געדינט.

איך האָבּ פאר איהר געמאכט א בּעט פון בּלומען און האָבּ פערמאכט דיא טהירען צו אויסשליסען דיא שטרענגע ליכט פון איהרע אויגען.

איך האָבּ איהר צארט געקושט אויף איהרע ליפּען און געסוד'עט שטיל אין איהרע אויערן בּיז זיא האָט האלבּ געחלש'ט אין זעהנזוכט.

זיא איז פערלאָרען געגאנגען אין דעם ענדלאָזען נעבעל פון אונבעשטימטער זיסקייט.

זיא אָט ניט געענטפערט אויף מיין ריהר, מיינע ליעדער האָבען איהר ניט געקאָנט ערוואַכען.

ביי נאכט איז צו אונז געקומען דער שטורם רוף פון דער ווילדערניס.

מיין כלה האָט א ציטער געטהון און איז אויפגע־שטאנען, זיא האָט אָנגעגריפען מיין האנט און איז ארויסגעקומען.

איהרע האָר שוועבען אין דעם ווינד, איהר שלייער פלאטערט, איהר בלומען־קראנץ רוישט איבער איהר ברוסט.

דער שטויס פון טויט האָט איהר געוויגט צום לעבען.

מיר זענען פנים צו פנים און הארץ צו הארץ, מיין כלה און איך.

83

זיא האָט געוואוינט אויף דעם באַרג־זייט ביי דעם ברעג פון א קוקורוזען־פעלד, נעבען דעם קוואהל וואָס פליסט אין לאַבענדיגען מורמלען דורך דיא איינזאַמע שאָטענס פון אלטע בוימער. דיא פרויען זענען אהין געקומען צו אָנפילען זייערע קריגען, און רייזענדע פלעגען זיך דאָרט זעצען אָברוהען און שמועסען. זיא האָט געארבייט און געחלום׳ט טעגליך נאָך דעם טאָן פון דעם רוישענדען שטראָם.

איין מאָל אן אבענד איז דער אונבעקאנטער אראָבגעקומען פון דעם וואָלקען־בעהאלטענעם שפּיץ; זיינע לאָקען פארפלאָנטערט וויא שלעפעריגע שלאנגען. מיר האָבען פערוואונדערט א פרעג געטהון, „ווער זייט איהר?" ער האָט ניט געענטפערט נאָר האָט זיך געזעצט ביי דעם פלוידערישען שטראָם און האָט שווייגענדיג געקוקט צו דעם ביידעל וואו זיא האָט געוואוינט. אונזערע הערצער האָבען געציטערט אין שרעק און מיר זענען געקומען צוריק אהיים ווען עס איז שוין געוועזען נאכט.

אויף מאָרגען ווען דיא פרויען זענען געקומען שעפּ־
פּען וואסער פון דעם קוואהל ביי דיא צעדער בוימער,
האָבען זיי געפונען דיא טהירען אָפען אין איהר ביי־
דעל. נאָר איהר קול איז אוועק און וואו איז אהינגע־
קומען איהר שמייכעלדיגער פּנים? דער לעדיגער קרוג
איז געלעגען אויף דער ערד און איהר לאָמפּ האָט
אויסגעברענט אין דעם ווינקעל. קיינער האָט ניט
געוואוסט וואוהין זיא איז פערשוואונדען איידער עס
איז אנגעקומען דער פריה־מאָרגען — און דער אונ־
בעקאנטער איז שוין מעהר ניט געוועזען.

אין דעם מאָנאטה מאי איז דיא זון געוואקסען
שטארקער און דער שנעע איז שוין געוועזען צוגאנ־
גען, און מיר זענען געזעסען ביי דעם קוואהל און
האָבען געוויינט. מיר האָבען זיך געוואונדערט אין
אונזער געדאנק, „איז דאָרטען פאראן א קוואהל אין
דעם לאנד וואו זיא איז אוועק וואו זיא קאָן אָנפילען
איהר געשיר אין דיזע הייסע דורשטיגע טעג?“ און
מיר האָבען זיך איינע דיא אנדערע געפרעגט אין
שרעק, „איז דאָרט דאָ א לאנד הינטער דיזע בערג
וואו מיר וואוינען?“

עס איז געווען א זומערדיגע נאכט; א קיהל ווינטעל
האָט געבלאָזען פון דרום־זייט; און איך בין געזעסען

אין איהר פערלאָזטען צימער וואו דער לאָמפּ איז נאָך אלץ געשטאנען ניט אָנגעצונדען. ווען פּלוצלונג האָבּען פון פאר מיינע אויגען דיא בּערג פערשוואונדען וויא פאָרהאנגען פארצויגען אין דער זייט. „אך, עס איז זיא וואָס קומט. וואָס מאכסטו, מיין קינד? בּיזטו גליקליך? אָבּער וואו קאָנסטו זיך בּעשיצען הינטער דעם אָפּענעם הימעל? און, אך, אונזער קוואל איז שוין ניטאָ צו לעשען דיין דורשט.“

„דאָ איז דער זעלבּער הימעל,“ האָט זיא געזאָגט, נאָר פריי פון דיא פערצאמטע בּערג, — דאָס איז דער זעלבּיגער שטראָם פערוואנדעלט אין א טייך, — דיא זעלבּע ערד אנגעאטהעמט אין א פלאכקייט.“

„אלעס איז דאָ,“ האָבּ איך געזיפצט, „נאָר מיר זע־נען ניטאָ.“ זיא האָט טרויעריג א שמייכעל געטהון און האָט געזאָגט, „דוא בּיזט אין מיין הארצען.“ איך האָבּ ערוואכט און האָבּ געהערט דאס פלוידערן פון דעם שטראָם און דעם גערויש פון דיא צעדערן בּיי דער נאכט.

84

איבער דיא גרינע און געלע רייז־פעלדער האָבען זיך געטראָגען דיא שאָטענס פון דיא הערבסט וואָל־קענס נאכגעפּאָלגט פון דער שנעל־לויפענדער זון.

דיא ביהנען פארגעסען צו זויגען זייער האָניג; שכור פון ליכט בעוועגען זיי זיך נאריש און זשומען.

דיא קאטשקעס אין דיא אינזלען פון דעם טייך שרייען אין פרייד בלויז פאר גאָרנישט.

זאָל קיינער ניט געהן צוריק אהיים, ברידער,, דיזען פריה־מאָרגען, זאָל קיינער ניט געהן צו דער ארבייט.

לאָמיר נעהמען דעם בלויהען הימעל מיט שטורם און לויפענדיג אוועקרויבען לעדיגקייט.

געלעכטער שוועבט אין דער לופט וויא שוים אויף א פערפלייצונג.

ברידער, לאָמיר פארשווענדען אונזער פריה־מאָר־גען אין פוסטע ליעדער.

85

ווער ביזטו, לעזער, וואָס לעזט מיינע געדיכטע אין א הונדערט יאָהר ארום?

איך קאָן דיר ניט שיקען קיין איין איינציגע בלום פון דיזען פריהלינגס פארמעגען, קיין איין איינציג גאָלדענעם שטרייף פון יענער זייט פון דיא וואָלקענס.

עפען דיינע טהירען און קוק אהין און אהער.

פון דיין בליהענדען גארטען זאמעל שמעקענדיגע זכרונות פון דיא פערשוואונדענע בלומען פון א הונ־דערט יאָהר צוריק.

אין דער פרייד פון דיין הארצען וועסטו פיליכט פיהלען דיא לעבעדיגע פרייד וואָס האָט געזונגען אין א פריהלינגס פריה־מאָרגען, שיקענדיג זיין פריידיגע שטים איבער א הונדערט יאָהרען.

אינהאַלט פֿון דיא ערשטע ווערטער

האָב רחמנות אויף דיין דינער, מיין קעניגין 1
אך, דיכטער, דער אבענד דערנעהנט זיך 4
אין דער פֿריה האָב איך געוואָרפֿען מיין נעץ אין ים.. 7
אך איז מיר, וואָרום האָבען זיי אויסגעבויעט מיין הויז 9
איך בין אונרוהיג 12
דער געפֿאַנגענער פֿויגעל איז געווען אין א שטייג.... 14
אך מוטער, דער יונגער פּרינץ דאַרף פֿערבייפֿאָהרען אונזער טהיר 16
ווען דאָס לעמפּעל איז אויסגעגאַנגען ביי מיין בעט.. 18
ווען איך געה אליין ביי נאַכט מיין געליעבטע צו טרעפֿען 20
לאָז צורוה דיין ארבייט, כלה............... 22
קום וויא דאָ ביזט; ניט קימער זי האיבער דיין טואַלעט 24
אויב דוא וואָלסט זיין פֿערנומען און דיין קריג פֿול... 27
איך האָב גאָרנישט פֿערלאַנגט................ 30
איך האָב שפּאַצירט אויף דעם וועג, איך וויים ניט וואָרום 32
איך לויף אזוי וויא א מאָסקדהירש לויפֿט אין דעם שאַטען פֿון דעם וואלד................ 35
הענט זיך האלטענדיג אין הענט און אויגען ארויס־קוקענדיג אויף אויגען................ 36
דער געלער פֿויגעל זינגט אויף זיין בוים............ 38
ווען דיא צוויי שוועסטער געהן הערויפֿברינגען וואַסער 40
דוא האָסט שפּאַצירט אויפֿן וועג ביים זייט פֿון טייך.. 42
טאָג נאָך טאָג קומט ער און געהט אוועק.......... 44

וואָרום האָט ער אויסגעוועהלט קומען צו מיין טהיר.. 45
ווען זיא איז דורכגעגאנגען פערביי מיר מיט שנעלע
טריט 46
וואָרום זיצטו דאָרט און קלינגסט מיט דיינע בּרעס־
לעטען 47
ניט בּעהאַלט פאַר זיך אליין דעם סוד פון דיין הארצען 48
קום צו אונז יוגענד 49
איך נעהם וואָס עס קומט פון דיין ווילענדיגער האנד.. 51
גלויב דער ליעבּע זאָגאר ווען עס בּרענגט דיר ליידען.. 53
דיינע אויספרעגענדע אויגען זענען אומעדיג........ 55
רעד צו מיר, מיין געליעבּטע.................. 57
דוא בּיזט דער אבענד וואָלקען................ 58
מיין הארץ, דער פויגעל פון דער ווילדערניס........ 60
זאָג מיר אויבּ דאָס אלעס איז אמת............ 61
איך ליעבּ דיר, געליעבּטע, פארגיעבּ מיר מיין ליעבּע.. 63
ניט געה אוועק, מיין ליעבּע, ניט בּעטענדיג מיין
ערלויבּניס 65
טאָמער וואָלט איך דיך לייכט דערקאָנט............ 66
ער האָט געשושקעט, מיין ליעבּע, „הויבּ אויף דיינע
אויגען 67
וואָסטו ארויפגעלייגט דיין קראַנץ פון פרישע בּלומען
אויף מיין האלז, דוא שעהנער?........... 68
מיין ליעבּע א מאָל צוריק האָט דיין דיכטער פאָר־
בּערייטעט א גרויסען העלדען געדיכט אין זיין געדאנק.. 69
איך פלעכט א קראַנץ דעם גאנצען פריה־מאָרגען.... 70
אן אונגלויבּליכער שמייכעל בּעוועגט זיך אויף דיינע
אויגען 71
איך בּענק ארויסרעדען דיא טיעפּסטע ווערטער........ 73
אך וואהנזיניגער, עהרליכער שכור.............. 75
ניין, מיינע פריינד, איך וועל קיין מאָל ניט זיין קיין
אסקעט 78
הויכווירדיגער הארר, פארגיבּ דאס פּאָרל זינדערס.... 79
צו דיא געסט וואָס מוזען געהן בּעטען גאָט'ס הילף.. 81

דוא האָסט מיר איבערגעלאָזט און אוועק אויף דיין וועג 82
אויב דוא זאָסט דאָס וועלען, וועל איך אויפהערען זינגען 84
בעפריי מיך פון דיא קייטען פון דיין זיסקייט...... 85
איך האַלט איהרע הענט און דריק זיא צו מיין ברוסט.. 86
ליעבסטע, מיין הארץ בענקט טאָג און נאַכט........ 87
דאָמאָלס ענדיג דאָס לעצטע ליעד.............. 88
וואָרום איז דאָס לעמפּעל אויסגעגאַנגען......... 89
וואָרום פערשעהמסטו מיך מיט א קוק.......... 90
וואָהין איילסטו זיך מיט דיין קאָרב.......... 92
עס איז שוין געווען האַלבער טאָג............ 94
איך בין געווען איינער צווישען פיעלע פרויען........ 96
איך האָב געריסען דיין בלום, א וועלט!............ 98
איין מאָל גאַנץ פריה אין דעם בלומען גאָרטען...... 99
אך פרוי דוא ביזט ניט בלויז דאָס האַנדווערק פון גאָט 100
צווישען דעם געלויף און דעם רעש פון לעבען....... 101
רוה, מיין הארץ, לאָז דיא צייט פאַר דער שיידונג
זיין זיס 102
אין דעם דונקעלען וועג פון א חלום............ 103
רייזענדער, מוזט דוא געהן?............ 105
איך האָב פאַרשווענדט מיין טאָג............ 107
איז דאָס ווידער א מאָל דיין רוף?.............. 109
א וואַנדערענדער משוגענער האָט געזוכט דעם פּרובירר־
שטיין 111
אבוואָהל דעם אבענד קומט מיט לאַנגזאַמער טריט.. 114
קיינער לעבט ניט אויף עביג, ברודער........... 116
איך יאָג זיך נאָך דעם גאָלדענעם הירש......... 119
איך געדיינק א טאָג אין מיין קינדהייט......... 120
דער טאָג איז נאָך ניט געענדיגט............. 122
מיט טעג פון שווערער מאַטערניס האָב איך אויפ־
געשטעלט א טעמפּעל 125
דאָס אונענדליכעס רייכטהום איז ניט דיינס........ 127
אין דער וועלט'ס פערזאַמלונג זאַאל............ 129

אום האלבע נאכט האט דער וואס וואלט־וועלען־זיין
אן אסקעט אויסגערופען............... 130
דער יריד איז געוועזען פאר דעם טעמפעל........ 132
דער ארבייטס מאן און זיין ווייב פון דעם מערב לאנד 133
עס איז געוועזען אין מאי..................... 135
איך וואונדער זיך אפט 136
מיט א בליק פון דיינע אויגען.............. 137
ווארום מורמעלסטו אזוי מוטהלאז אין מיינע אויערן.. 138
מיר הארפען שפיעלען דעם טויטען שפיעל........ 140
זיא האט געוואוינט אויף דעם בארג־זייט.......... 142
איבער דיא גרינע און געלע רייז־פעלדער.......... 145
ווער ביזטו, לעזער, וואס לעזט מיינע געדיכטע אין
א הונדערט יאהר הערום?.............. 146

ענדע